# קרעטל


**פארשריט ביים עירוב אין די ווילידש אוו ליבערטי**
שטעטל נייעס

**פאספארט פראצעדור ווערט פארגרינגערט**
היכל הקודש נייעס

**הלכות תשעב באב**
היכל הלכה

**טייערע שמחות**
בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

**נישטא קיין קאלטע סעלצער**
משה ארי' שניצלער


## בלגיונו של מלך

בשורה באפריידיגט אנ"ש תושבי ארץ הקודש ווען מוסדות היכל הקודש ברסלב ווערט אריינגענומען אינטערן פאן פון **"קרן הצלה"**, שטייענדיג אינאיינעם מיט די הונדערטער מוסדות על טהרת הקודש.



בס"ד

דברים - חזון
תשפ"ו

**נומער**
**321**
שנה ו'


| | |
|---|---|
| 06 | עירנו |
| 08 | אלץ און אלעמען |
| 10 | היכל הקודש נייעס |
| 14 | וועלטליכע נייעס |
| 16 | א ווארט צווי |
| 18 | א בריוו פון ר"י |
| 22 | פשרה'לאך |
| 24 | מעשה פון א צדיק |
| 26 | היכל הלכה |
| 30 | געדאנקען |
| 34 | א בליק אויף צוריק |
| 35 | געשעענישן |



8


10


16











**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעט, משה אריי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.


# בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
Editor@bletelmagazine.com
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938





כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקער פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

# נפתלי
# אילה שלוחה

מיט גרויס התרגשות ווילן מיר זיך אויסדריקן א הארציגן

## ברכת מזל טוב

פאר'ן געטרייען און איבערגעגעבענעם "מנהיג ישראל", וועלכע פירט די טייערע קינדערלעך די צאן קדשים יעדן טאג רבות בשנים מיט אזא געטריישאפט, מיט אן אמת'ע איבערגעגעבנקייט צו די מוסדות הקדושים,

**הלא הוא הרבני החשוב**

## מוהר"ר **נפתלי זאבעל** שליט"א

בן הגה"צ ר' **שלמה** שליט"א, דומ"ץ בקרית יואל

וחתן הרבני החסיד הרב **אברהם וויעדער** שליט"א, ראש העיר קרית יואל

**לרגל די פרייליכע שמחה**
**צום געבורט פון זיין ערשטן אייניקל למזל טוב**

א יונגעלע ביי זיין חשוב'ן איידעם

מוהר"ר **דוד אהרן טשינגל** הי"ו

**מצוייני תלמידי ישיבתנו תפארת התורה ברסלב**

ויהא רעוא מן קדמך, דער אייבערשטער זאל אים באגליקן ער זען אסאך אידיש נחת פון דעם אייניקל און פון די קומענדיגע אייניקלעך בעזרת השם, און פון אלע תלמידים, ער זאל האבן רב תענוג ונחת דקדושה, אמן.

ווי עס ווינטשן ממעומק דלבא, די מיט-רייזנדע און תלמידים:

**אליעזר שלמה פארקאש | נחמן נתן פארקאש | ליפא פארקאש | יוסף פארקאש**
**הערשי אביש | יודי אביש | דוד אביש | שלום יוסף אביש | שלמה זלמן אביש**
**משה טייטלבוים | אליעזר שלמה טייטלבוים | ליפא זאבעל | אשר קרויס**
**משה זיאת | יצחק זיאת | אלי' זיאת | ישראל שלום הערשקאוויטש**
**נחמן נתן יאקאבאוויטש | אליעזר שלמה שניצלער | מאיר בלום**

גם אני מצטרפים: **יואל טייטלבוים** אחיך מוקרך: **יצחק יונה זאבעל**

גם אני מצטרף מעומק הלב לרגל השמחה הגדולה אצל ידידי היקר: **אברהם שבתי מזרחי**



POWERED BY: אנשי חיל

# דאס לעבנסגעשיכטע פון די מנהל שליט"א



איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש איבער 20 יאר צוריק ווען מיין לעבן האט מיטאמאל אויפגעלאכטן אין אומצאליגע הינזיכטן. אפגעמאכט האב איך דאן אז מיר גייט אין לעבן צו שענקן נאך א איד'ס לעבנסגעשיכטע אזא גוטע ענדע. זאפארט בין איך ארויס פון מיין קאמפארט-זאון פאר אונזער מוסד און זיך קיינמאל צוריק אריינגעזעצט דערין.


ALPHA
שכח
מנהלו!
צוואנציג יאר שפעטער און די מנהל׳ס יארן הארעוואניע צאלט זיך אויס, און נאך ווי. איך מיט מיין גאנצע משפחתא זענען ארייגעטשעקט אן רבינ׳ס חיים טובים, בזכותו.
וויפיל גיי איך קאמפיינען היי יאר פאר די קומענדיגע מיך?
לעבנסגעשיכטע
י״ד - ט״ז אב
די דאטום ווען דיין ׳לעבנסגעשיכטע׳ וועט אנהייבן אינספערירן.

# אידנו

## נאטערי פאבליק

די אפיס פון די קאונטי קלערק פון סאליוועו קאונטי האט ארויסגעלייגט א מעלדונג אז זיי גייען מאכן א טעסט פאר אלע וואס ווילן ווערן א נאטערי פאבליק. דער טעסט גייט פארקומען קומענדיגן אויגוסט 12 אין די סאליוואן קאונטי גאווערנמענט צענטער אין מאנטיסעלא.

אין שטעטל מוטשעט מען זיך זייער שטארק צו האבן א נאטערי פאבליק, ס'איז נאר דא צוויי דריי אינגעלייגט, און לכבוד דעם מאכט עס שווער ווען מ'דארף באקומען א נאטערי. וואס אסאך מאל איז עס ממש וויכטיג צו האבן אויפן מינוט.

ווער ס'טראכט פון די מעגליכקייט צו קענען מאכן דעם טעסט און ווערן א נאטערי פאבליק, זאל זיך איינשרייבן ביי 845-807-0429, אדער NotaryExam@sullivanny.us, מען דארף זיך איינשרייבן צו באקומען אן אפוינטמענט ביי זיי. ס'קאסט נישט קיין סאך געלט, און עס וועט קענען ארויסהעלפן די שטעטל איינוואוינער.

עס איז וויכטיג צו חזר'ן די טעסט צוויי דריי מאל פארדעם, כדי צו געדענקען בשעת'ן דורכגיין דעם טעסט.

ווער ס'שרייבט זיך איין זאל לאזן וויסן פאר די הנהלה אז מ'האט זיך איינגעשריבן, כדי מ'זאל וויסן וויפיל מענטשן האבן זיך איינגעשריבן.

## די אילן החיים שווים באסיין

אנפאנג פונעם זומער האט די טאון געהאט פארשפארט די שווים באסיין ביי מחנה אילן החיים.

מ'האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל צוריק ווערן געעפענט.

די הנהלה האט זיך ארייגעלייגט צו פארריכטן וואס מ'דארף, און דערנאך האט מען געשיקט בילדער פאר זיי אז עס איז פארראכטן געווארן דאס וואס ס'האט אויסגעפעלט. און ברוך השם זיי האבן עס צוריק געעפענט, און אזוי ארום האבן מיר ברוך השם א געשמאקע זומער מיט א פיינעם שווים.

## לאנטש פראגראם אינספעקשאן

אין איינע פון די טעג איז געווען אן אינספעקשאן אין אילן החיים קאנטרי פון די לאנטש פראגראמס, און ברוך השם זענען זיי געווען זייער צופרידן פון די ריינקייט און פון די מסודר'דיגקייט, און זיי האבן עס אפראווד אן קיין פראבלעמען.

די הנהלה וויל זיך באדאנקען פאר אלע וואס העלפן צו האלטן ריין דעם פלאץ, וואס מיט דעם העלפט מען זייער שטארק די מוסדות. די געלט וואס קומט אריין פון דעם העלפט שטארק ארויס צו קענען אויפהאלטן די מוסד.

ניימס'לאך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## פרשת דברים - חזון
## ד' אב

הדלקת הנרות .. 08:12

מוצאי שבת ...... 09:42

**מנחה**
**מעריב**

פרשת ואתחנן
09:23

**זמנים לשבת קודש**

**טוי באמט ווערטער**



די אראפגעפאלענע בוים ביים שארטקאט

## אראפגעפאלענע בוים

אפאר וואכן צוריק איז אראפגעפאלן א בוים ביי די שארטקאט פון די שול אויף האשקי וואס ציט זיך צו די הויז פון מו"ה שלמה ראטה שליט"א, וואס ווערט געניצט דורך אסאך שטעטל איינוואוינער.

ברוך השם די הנהלה צוזאמען מיט די חביבים מעמבערס האבן אוועקגענומען די בוים כדי צו ערמעגליכן פאר די שטעטל איינוואוינער צו קומען גרינג צום בית המדרש.

## כולל היכל הקודש אפיס

אין די לעצטערע טעג האט די כולל פאנדרעיזינג אפיס זיך אריבערגעצויגן צו די קהילה אפיס אויף לינקאלן.

דאס קומט נאך א לאנגע צייט וואס די כולל פאנדרעיזינג אפיס איז נישט געווען אויף אן אייגענע פלאץ, וואס האט געמאכט שווער פאר די כולל אין שטעטל. ברוך השם, יעצט איז געקומען די צייט וואס מ'האט מען געקענט אריבערפירן דעם אפיס, וואס דאס וועט מאכן די גרינגער אסאך גרינגער און געשמאק.

**נייעס'לעך**

# היכל הקודש נייעס



## מוסדות היכל הקודש ארץ הקודש זיך אנגעשלאסן אין "קרן הצלה"

מיט גרויס פרייד איז אין די טעג אנגעקומען די בשורה טובה פון ארץ ישראל, אז אונזערע מוסדות "היכל הקודש" – וואס זענען אויך ביז יעצט געפירט געווארן על טהרת הקודש, אן נעמען קיין שום געלט פון די ממשלה – האבן זיך יעצט אפיציעל אנגעשלאסן אינעם הייליגן חבורה פון די מוסדות אונטערן שירעם פונעם מוסד הקדוש "קרן הצלה". דער קרן איז, ווי באקאנט, געגרינדעט געווארן מיט די גרעסטע מאס מסירות נפש דורך רבינו הקדוש זי"ע מ'סאטמאר אין יאר תשל"ח, א יאר פאר זיין פטירה, מיטן ציל צו דינען אלס א שטיצע-ברעט פאר אלע מוסדות התורה אין ארץ ישראל וואס ווערן געפירט על טהרת הקודש.

ביז יעצט זענען אונזערע מוסדות אנגעגאנגען אויף א קלענערן פארנעם, און עס איז נישט ממש געווען שייך זיך אנצושליסן. אבער כהיום, ווען די מוסדות זענען ב"ה פילפאכיג געוואקסן און האבן זיך צעשפרייט צו א גרויסן מוסד וואס אנטהאלט אין זיך אסאך קינדער און בחורים בלע"ה, האט די הנהלת המוסדות, מיט די הסכמה פונעם ראש ישיבה שליט"א, געמאכט דעם באשלוס אז עס איז געקומען די פאסיגע צייט זיך אנצושליסן אין אט דעם הייליגן קרן.

דער מזכיר ראשי פון די מוסדות, מו"ה שלמה מינצבערג הי"ו, האט זיך פארבינדן מיטן גבאי פון קרן הצלה, מו"ה שמחה אנשין שליט"א, וועלכער האט גאר ווארעם אויפגענומען און זיך צוגעשטעלט מיט אלעס וואס האט נאר אויסגעפעלט.

דער פראצעס האט געפאדערט א שיין ביסל ארבעט. אלס ערשטע זאך האבן זיי געדארפט קלארשטעלן און זיכער מאכן אז קיין איין תלמיד פונעם מוסד איז נישט איינגעשריבן אין קיין אנדערע מוסדות וואס נעמען יא רעגירונגס-געלטער. נאך א גרונטליכע אויספארשונג האט מען אנטדעקט נעמען פון עטליכע קינדער וואס מען האט אפילו נישט געוואוסט אז אנדערע מוסדות נוצן זייערע נעמען כדי צו באקומען געלט פאר זיי. מ'האט תיכף אנגערופן יעדן מוסד באזונדער און פארלאנגט אז זיי זאלן אראפנעמען פון זייערע ליסטעס די נעמען פון די קינדער וואס לערנען למעשה נישט ביי זיי.

דערנאך איז באשטימט געווארן אן אוידענץ ווען די הנהלה איז ארויפגעגאנגען צום בית דין שטיבל פון די עדה החרדית אונטערצושרייבן א התחייבות אז מ'וועט קיינמאל נישט נעמען קיין געלט פון די מדינה, מיט א תנאי אז אויב יא, וועט מען דארפן צוריקגעבן דאס גאנצע געלט וואס מען האט באקומען ביז דאן. די חשוב'ע רבנים פון די עדה החרדית, הרה"ג ר' יודל פישער שליט"א, הרה"ג ר' שמעון יצחק שלעזינגער שליט"א, און הרה"ג ר' יהושע ראזענבערגער שליט"א, האבן זייער שיין אויפגענומען די הנהלת המוסדות.

צום שלוס האט די הנהלה אויך באקומען א שיינעם מכתב המלצה פונעם בית דין צדק העדה החרדית, וואו זיי ברענגען ארויס די חשיבות הענין פון דעם געוואלדיגן זכות אז מ'נעמט נישט קיין געלט פון נישט-ערליכע מקומות. זאל דער אייבערשטער העלפן אז מיר זאלן ווייטער גיין אין די וועגן פון די פריערדיגע צדיקים, און זייער זכות זאל אונז ביישטיין מיר זאלן קענען אויפשטעלן ערליכע דורות וואס לעבן מיט אמונה פשוטה.

גרשון קרעמער



# פאַרשריט ביים נייעם בנין אין אומאן

ברוך השם, עס קומען אריין פרישע בילדער און אפדעיטס פון אומאן, וואו מען קען זען ווי די ארבעט אויפ'ן נייעם בנין מאכט באדייטנדע פארשריט מיט יעדן טאג וואס גייט פארביי. אינעם פריערדיגן אפדעיט האבן מיר געהאלטן נאכ'ן גיסן דעם "מעט פאונדעישאן", וואס דאס איז די דיקע קאנקריט פלאטפארמע וואס וועט טראגן אויף זיך בעז"ה דעם גאנצן הויכשטאקיגן בנין.

יעצט האט מען זיך שוין ב"ה גערוקט צום קומענדיגן שטאפל: מען בויעט שוין אויף די פאונדעישאן-ווענט.

וויבאלד די ווענט זענען גאר הויך און דיק – כדי זיי זאלן קענען האלטן דעם ריזיגן געביידע – קען מען דאס צוליב די גרויסע מאס נישט גיסן אלעס אויף איין מאל. אנשטאט דעם ווערט די ארבעט צעטיילט אין עטליכע באזונדערע פאזעס, לויט די פארשידענע ווענט. יעדע פאזע גייט דורך דעם זעלבן פראצעס: מען שטעלט אויף די "פארמס" (די האלצענע אדער אייזענע ווענט וואס האלטן דעם נאסן צעמענט), מען פלעכט אריין די ריבאר אייזענס, און דערנאך גיסט מען אריין דעם קאנקריט.

אין די נייע בילדער קען מען זען עטליכע פעיזעס אויפאיינמאל: פארטיגע ווענט: אין איין ווינקל זעט מען שוין די פארטיגע פאונדעישאן-ווענט נאכ'ן אראפנעמען די פארמס. גרייט פאר'ן גיסן: אויף אן אנדער זייט שטייען שוין די פארמס גרייט פאר די קאנקריט טראקס. לייגן ריבאר: אינעם דריטן חלק ארבעטן די קאנטראקטארס נאך אויף צו אריינלייגן די ריבאר אייזענס.

די ארבעט רוקט זיך כסדר פאראויס מיט א שנעלן טעמפא, און בקרוב וועלן בעז"ה אלע פאונדעישאן-ווענט זיין פארטיג, וואס דאס וועט ערלויבן אנצוהייבן בויען דעם אויבערשטן טייל פונעם געביידע העכער דער ערד.

אין די פאונדעישאן לייגט מען אריין די מערסטע כוחות און געלט, פיל מער ווי אין די שפעטערדיגע חלקים. די סיבה איז פשוט: אויב דער יסוד איז קרום אדער שוואך, וועט דער גאנצער בנין חלילה איינפאלן. עס האט נישט קיין זין צו אינוועסטירן אינעם דאך אויב די פיס האלטן זיך נישט.

מוהרא"ש זי"ע האט אונז שטענדיג געלערנט צו פאוקוסן אויפ'ן יסוד. עס זענען דא עטליכע זאכן וואס מען קען זאגן אז דאס זענען די יסודות פון אידישקייט, אבער דער יסוד היסודות פון א איד איז אמונה. ווען א מענטש בויעט אויף זיין לעבן מיט א שטארקע פאונדעישאן פון אמונה, פאלן אוועק אלע פראבלעמען.

די דאקטוירים און טעראפיסטן זענען היינט מודה אז רוב געזונטהייט פראבלעמען – סיי פיזישע און סיי גייסטישע, ווי ענקזייעטי, פאוביעס און סטרעס – קומען פונעם מח. ווען א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה אז דער אייבערשטער איז דא, האט ער צו וועמען זיך אויסצורעדן; ער האט דעם בעסטן טעראפיסט אויף דער וועלט.

## איש אמונות רב ברכות

# אלץ און אלעמען



## טשעקס

**שאלה**

איך האב אן אינטערעסאנטע שאלה איבער די סעקיוריטי פון טשעקס. די גאנצע זאך זעט מיר אויס ווי איין גרויסע וויץ. וואס האלט צוריק א מענטש פון פשוט פרינטן א טשעק אויף פשוט'ע פאפיר, אנפירקלען דערויף סיי וועלכע סומע, און עס אריינגעבן אין באנק ווי עכטע געלט?

און בכלל, ביי יעדע עכטע טשעק וואס מען באקומט, שטייט דערויף קלאר די באנק אקאונט און די ראוטינג נומערן אונטן פונעם טשעק; קען דאך יעדער אליין איבערמאכן נייע טשעקס, אדער נוצן די נומערן און מאכן אן עי-סי-עיטש (ACH) טראנספער אנליין פונעם אקאונט. וויאזוי מאכט די באנק זיכער אז עס איז נישט פאלש?

א. ב. זאבעל

**ענטפער**

א גוטע שאלה פרעגסטו. עס איז זייער אינטערעסאנט; מיר באקומען א פשוט שטיקל פאפיר, און מען זאגט אונז אז עס איז ווערד טויזנט אדער אפילו א מיליאן דאלאר. וויאזוי ארבעט דאס?

דער אמת איז, אז א טשעק אליין איז גארנישט ווערד. עס איז בלויז א שטר וואס זאגט פארן באנק: "נעם ארויס פון מיין אקאונט אזוי און אזוי פיל געלט, און גיב עס פאר דעם מענטש." אבער כדי עס זאל נישט זיין קיין הפקר וועלט, און מען זאל נישט קענען סתם פרינטן טשעקס אין די וועלט אריין, האבן די בענק איינגעשטעלט פארשידענע סעקיוריטי סיסטעמען.

צוערשט איז דאס פאפיר פון א טשעק א ספעציעלע סארט; עס פארמאגט אין זיך "וואטערמארקס" (צייכענונגען וואס מען זעט נאר ווען מען האלט עס קעגן די ליכט) און "מייקרא-פרינטינג" – ווערטער וואס זענען אזוי קליין, אז פארן אויג זעט עס אויס ווי א פשוט'ע ליין, אבער מיט א פארגרעסערונג גלאז קען מען עס לייענען. אויב מען מאכט א פשוט'ע קאפי פונעם טשעק, וועט די מאשין עס נישט גוט אויפכאפן, און אפטמאל וועלן ארויפקומען גרויסע ווערטער ווי VOID (בטל) אויפן טשעק.

דערצו זענען די ראוטינג און אקאונט נומערן אונטן פונעם טשעק געדרוקט מיט א ספעציעלע מאגנעטישע טינט, וואס קאמפיוטערס קענען לייענען און נאכגיין.

וואס פאסירט אויב א גנב נוצט די נומערן און פעלשט א טשעק, אדער מאכט טשארדזשעס אנליין? פאר דעם נוצט די באנק אנדערע מיטלען.

די באנק קוקט נאך יעדע אקאונט; זיי האבן דיין עכטע אונטערשריפט אויפן פייל, און אויב עפעס קוקט אויס פארדעכטיגט, אדער אויב דער טשעק איז פאר א סכום וואס מאכט נישט קיין סענס, וועט די פראוד דעפארטמענט עס אפשטעלן.

און בכלל האלטן די בענק רעקארדס פון יעדע טראנזאקציע,

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## קאמפלימענטן און קאמפלעינען

שאלה

א גרויסן שכח פאר די הערליכע אפטיילונג פון "אלץ און אלעמען" וואס איז מסביר אזוי שיין יעדע שאלה וואס מען האט.
מיין רבי האט גערעדט איבער "קאמפלימענטן און קאמפלעינען", און איך וויל פארשטיין וואס די צוויי ווערטער מיינען.

ליפא זאבעל, כיתה ג', קרית יואל

ענטפער

און אויב א גנב נעמט ארויס געלט קען מען עס נאכגיין: פון וואו ער האט עס גענומען, וואו דאס געלט איז געגאנגען, און די פאליציי קען אים גרינג כאפן.

עס איז דא א געוויסע סארט "טשעק" וואס איז ליידער זייער גרינג נאכצוצומאכן.

עס זענען דא מענטשן וואס לעבן נעבעך ווי "מצוות אנשים מלומדה"; זיי גייען מיט פאות פאר די זעלבע סיבה פארוואס זיי גייען אין קאנטרי - ווייל דאס איז יעצט "אין". ביי אים איז נעבעך אלעס געבויט אויף דעם וואס "יעדער" טוט.

ווען דארף מען אויסהערן שידוכים? "אין מיין נעיבערהוד הערט מען נישט אויס פאר די פינף און צוואנציג; מיין טאכטער איז נאך אזוי יונג, זי איז נאר דריי און צוואנציג."

זיי פארגעסן אבער אז די סיבה פארוואס מען דארף חתונה האבן איז פשוט, ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן.

יעדן טאג מאכט ער פאלשע טשעקס: □ מקוה, □ קאווע, □ סובורבען, □ ארבעט, □ "סיום" מיט חברים, □ גיין שלאפן. אזוי גייט נעבעך דורך א טאג נאך א טאג און ער פארגעסט פונעם אייבערשטן.

ער דאווענט ב"ה, אבער ער ווייסט נישט פארוואס; ער טוט אן תפילין, אבער נעבעך נאר ווייל ער איז אזוי צוגעוואוינט.

דער אייבערשטער וויל מיר זאלן נוצן "עכטע" טשעקס. לייג אריין אביסל נשמה אין דיין לעבן! דו מעגסט גיין אין קאנטרי, אבער נעם מיט דעם אייבערשטן.

גיי נאר אין א קאנטרי וואו עס איז דא א מקוה, א מנין, א דיין, און וואו מען לעבט מיט די אייגענע משפחה.

דו מעגסט דרייוון א טעסלא, אבער דאנק דעם אייבערשטן דערפאר. געב א טאנץ אונטער ווען דו טוסט אן די הייליגע תפילין.

דאווען מיט א מנין און בענטש הויך מיט א בענטשער, וועט דיר דער אייבערשטער געבן גרויס שפע און דו וועסט קענען אויסשרייבן גרויסע טשעקס.

# אלץ און אלעמען

צוערשט, פאר די ארץ-ישראל'דיגע ליינער וואס ווילן וויסן דעם פשוט'ן טייטש: דאסווארט "קאמפלימענטן" מיינט לויבן און אויסרימען, און "קאמפלעינען" מיינט זיך באקלאגן און וויינען אויף א זאך.

יעצט צוריק צו דיין שאלה.

טייערער ליפא'לע, דו פרעגסט א זייער גוטע שאלה. ביידע ווערטער, "קאמפלעינען" און "קאמפלימענטן", הערן זיך גאנץ ענליך און מען קען טאקע ווערן צומישט צווישן זיי. אבער באמת זענען די צוויי זאכן גאר אנדערע וועלטן; עס איז דא א גרעסערער חילוק צווישן זיי ווי צווישן א מאלפע און א מענטש.

א מענטש וואס לעבט מיט קאמפלימענטן קוקט אן יעדע זאך פאזיטיוו און ער איז צופרידן. אזא מענטש פירט א פרייליך לעבן, א לעבן מיט אהבת חינם, ער האט יעדעם ליב און עס איז ממש א מחי' צו זיין אין זיין געזעלשאפט. ער לעבט אבער אויף א גאנץ אנדערן פלאנעט ווי דער וואס קאמפלעינט. א מענטש וואס קאמפלעינט באקלאגט זיך אויף יעדע זאך; ער לעבט נעבעך אין א דמיון-וועלט און מיינט אז יעדע זאך קומט זיך אים. ער האט נעבעך א לעבן פול מיט קריגערייען און שנאת חינם.

מיט איין זאך זענען ביידע איינינג: ווען מען פילט אן א גלעזל ביז דער העלפט, זעען ביידע נאר א האלב גלעזל. אבער דער "קאמפלימענטירער" זעט די האלב וואס איז פול, און דער "קאמפלעינער" זעט נעבעך די האלב וואס איז ליידיג.

חז"ל זאגן אין מסכת אבות (פרק ה' משנה יט): "**מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע? תלמידיו של אברהם אבינו, אוכלין בעולם הזה ונוחלין בעולם הבא, שנאמר להנחיל אוהבי יש, ואוצרותיהם אמלא. אבל תלמידיו של בלעם הרשע יורשין גיהנם ויורדין לבאר שחת, שנאמר, ואתה אלהים תורידם לבאר שחת, אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם, ואני אבטח בך**".

די משנה שטעלט אוועק א שאלה: "וואס איז דער חילוק צווישן די תלמידים פון אברהם אבינו און די תלמידים פון בלעם הרשע?" עס פרעגט זיך די קשיא: אויב דו ווילסט געפרעגט וואס דער חילוק איז צווישן בלק און בלעם, אדער צווישן תרח און נמרוד, וואלט מען פארשטאנען די שאלה; אבער דו ווילסט וויסן וואס דער חילוק איז צווישן אברהם אבינו, דער צדיק יסוד עולם וואס האט געלעבט מיט'ן אויבערשטן און אונז אויסגעטרעטן דעם וועג פון אמונה צו וויסן אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם באשעפער, קעגן דעם רשע בלעם וואס האט נאר געקענט טון איין זאך - "שעלטן" און קוקן אויף יעדן מיט א שלעכט אויג? און אויף דעם ווילסטו וויסן "וואס איז דער חילוק צווישן זיי"?

נאר דער תירוץ איז, אז א פשוט'ער מענטש וואלט שוין געקענט זען דעם חילוק צווישן בלעם הרשע און אברהם אבינו. חז"ל זאגן (זבחים קט"ז ע"א): "**כשניתנה תורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו, וכל מלכי עובדי כוכבים אחזתן רעדה בהיכליהן ואמרו שירה, שנאמר ובהיכלו כולו אומר כבוד. נתקבצו כולם אצל בלעם הרשע ואמרו לו: מה קול ההמון אשר שמענו, שמא מבול בא לעולם? אמר להם: ה' למבול ישב, וישב ה' מלך לעולם, כבר נשבע הקדוש ברוך הוא שאינו מביא מבול**".

בלעם הרשע איז געווען א גרויסער רבי, ער האט געהאט אסאך חסידים. אין די צייטן פון בלעם, ווען איינער האט גערעדט פון משה רבינו, האט מען אים געזאגט: "איך רייס נישט ווי מען האלט פון אים, בלעם האלט דאך נישט פון אים". נו, וויאזוי קען מען טאקע וויסן ווער עס איז דער צדיק און ווער עס איז דער רשע? דאס זעט מען ביי די תלמידים.

דערפאר זאגט די משנה אז ביי די תלמידים קען מען זען דעם חילוק: די תלמידים פונעם צדיק זענען פרייליך מיט יעדע מצוה, זיי זענען "**אוכלין בעולם הזה ונוחלין בעולם הבא**"; אבער די תלמידים פון בלעם הרשע, זיי קאמפלעינען נעבעך אויף יעדע זאך און זיי שעלטן ווען עפעס גייט נישט גוט, ביי זיי איז נעבעך "**יורשין גיהנם ויורדין לבאר שחת**".

לאמיר בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין פון די תלמידים פון אברהם אבינו, צו לעבן א צופרידן לעבן און האבן די וועלט און יענע וועלט; און מיר זאלן אנטלויפן פון די תלמידים פון בלעם הרשע, וואס האבן נעבעך גארנישט - נישט די וועלט און נישט יענע וועלט.

**אחי חזק!**

מיט גרויס פרייד ווילן מיר מעלדן פאר אנשי שלומינו

אז מיר האבן ברוך השם אויפגענומען א נייע

פאנדרעיזער פאר בית התבשיל

# מו"ה

# מרדכי לייב טירנויער

# הי"ו

מיר טוען אים וואונטשן אסאך הצלחה אויף די נייע פאסטן ווי אויך ווילן מיר בעהטן אנשי שלומינו זאלן אים אויפנעמען ווארעם ברוח נדיבה וועלן מיר בעזהשי"ת ווייטער קענען ממשיך זיין צו העלפן אנשי שלומינו ביד רחבה.

## הנהלת בית התבשיל

*sruliHeskel

# וועלטלעך




## סטעיט דעפארטמענט פארגרינגערט פאספארט פראצעדורן

יעדע ברסלבע'ר חסיד שפירט א געוואלדיגע בענקעניש צום ציון פונעם הייליגן רבי'ן. מיר שפירן א קשר אמיץ צום הייליגן רבי'ן, וואס האט באוויזן אריינצולייגן א פרישע גייסט און א נייע האפענונג אין אונזערע הערצער, אפילו ווען מיר האבן נישט געזען קיין ליכטיגקייט, האבן מיר געטראפן די עצות פון הייליגן רבי'ן, איינער דורך א קונטרס, א צווייטער דורך א שיעור, און מיט די הייליגע עצות און חיזוק, האט ער אונז צוריקגעברענגט צום אייבערשטן.

דערפאר ברענט א פייער אין די הערצער פון יעדן ברסלב'ע חסיד באשר הוא שם, צו פאלגן דעם הייליגן רבינ'ס בקשה, בפרט ווען עס ווערט נענטער צום הייליגן יום הדין. און דעם הייליגן רבי'נס ווערטער פון איבער צוויי הונדערט יאר צוריק, "מיין ראש השנה איז העכער פון אלעס" און "קיינער טאר נישט פעלן,"

קלינגט נאך אין אונזערע אויערן.

דעריבער איז דא א געוואלדיגע אינטערעסע צו הערן יעדן אפדעיט אין די טרעוול וועלט וואס קען אראפנעמען מניעות און פארגרינגערן די פראצעדורן פונעם רייזע.

עס קומט יעצט אריין א פרישע באריכט פון די סטעיט דעפארטמענט אז זיי האבן שטארק פארבעסערט זייער אנליין פראגראם צו באנייען פאספארטן. ביז היינט האט מען געדארפט אראפגיין צו א פאספארט צענטער אדער א פאסט אפיס, דארפן כאפן א פראפעסיאנאלע בילד אין א ספעציעלע געשעפט, און דאס דערנאך ארויסשיקן מיט די פאסט.

מיט דעם נייעם פלאן וועט מען דאס אין אסאך פעלער קענען מסדר זיין איבעראל. ביי די וואס דארפן בלויז באנייען דעם פאספארט קענען דאס יעצט טון אינגאנצן אנליין. די נייע אפגרעיד לאזט דעם מענטש אליינס כאפן דאס בילד סיי ווי אימער מען איז אויף א קאמפיוטער. דער קאמפיוטער סיסטעם וועט תיכף אליינס איבערקוקן און באשטעטיגן צי דער בילד איז גענוג קלאר און צי עס שטימט מיט זייערע רעגולאציעס. מען פילט אויס די אפליקאציע אנליין, מען לייגט ארויף דעם בילד, מען באצאלט וויפיל עס קאסט, און מעןווארט דער נייער פאספארט זאל אנקומען בעזרת השם אין די פאסט.

פאר אנשי שלומינו איז דאס א געוואלדיגע בשורה. עס שפארט איין אסאך צייט און עגמת נפש, וואס מען קען אויסנוצן צו טון מצוות און מעשים טובים אין די פארבליבענע צייט ביז די נסיעה.

אבער דער עיקר מעלה איז, אז דאס היט אונז אפ פון דארפן ארום קלעטערן אין די גאסן אדער שטיין אין רייעס, וואס מאכט דעם מענטש מער אויסגעשטעלט צו די נסיונות פון די גאס.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל מצליח זיין צוברעכן אלע מניעות, אלע טעכנישע הכנות זאלן אנקומען גרינג, און מען זאל זוכה זיין אנצוקומען בשלום צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

**איש בל יעדר**

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

גרשון קרעמער



# אמעריקע מיט איראן שלאגן זיך ווידער

די אמעריקע-איראן מלחמה האט ווידער אויפגעפלאקערט די וואך, און די קורצע שטילקייט צווישן ביידע לענדער איז איבערגעריסן געווארן. בלויז עטליכע וואכן נאכדעם וואס טראמפ האט שטאלצירט מיט זיין צייטווייליגן אפמאך און פארשפראכן ווייטערדיגע פאראהאנדלונגען, זענען די שווערדן ווידער ארויסגענומען געווארן פון די שיידלען, און ביידע זייטן האבן זיך ווידער פארמאסטן אויף די אינטערנאציאנאלע ארענע מיט אויפגעבלאזענע מוסקלען.

וואס האט יעצט פאסירט? אמעריקאנער קרעפטן האבן דורכגעפירט אטאקעס קעגן איראנער צילן, נאכדעם וואס איראן האט באשאסן שיפן אין דעם סטרעיט פון הורמוז - דער וויכטיגער שיף-וועג צווישן איראן, אמאן און די אנדערע אראבישע לענדער. די מצב אין מיטל מזרח איז ווידער געווארן געשפאנט, די אויל-פרייזן האבן זיך ווייטער געהויבן, און די שכנות'דיגע לענדער זענען אנגעצויגן, נישט וויסנדיג וואס דער מארגן וועט ברענגען.

אויף שאלות פון רעפארטער האט פרעזידענט טראמפ זיך גאר שארף אויסגעדרוקט. ער האט געזאגט אז דער צייטווייליגער אפמאך איז "פארביי", און ער האלט אז עס האט נישט קיין פשט ווייטער צו פארהאנדלען מיט די איראנער פירערשאפט וואס איז גענצליך "משוגע". ער האט אפילו אנגעדייטעט אז אמעריקע וועט נאכאמאל דורכפירן אטאקעס אויב עס וועט אויספעלן.

עס איז אינטערעסאנט צו זען ווי שנעל זאכן טוישן זיך; דער מצב איז ממש א "ראלער קאוסטער", שלום און מלחמה אהין און צוריק, ממש פון איין מינוט צום צווייטן. דאס איז וויבאלד די צוויי זייטן זענען נישט באמת אינטערעסירט אין שלום. מען וויל שלום, אבער נאר אויב זאכן גייען פונקטליך ווי "איך" וויל, און ווען מען מיינט עס נישט מיט אן אמת, קען עס זיך נישט האלטן.

די משנה זאגט אונז אז אהבה וואס איז תלוי בדבר קען זיך נישט האלטן, נאר אהבה שאינה תלויה בדבר קען זיך האלטן. אויב מיר רעדן שיין אינדערהיים מיט דער ווייב נאר ווייל מיר ווילן עפעס פון איר, איז דאס נישט קיין אהבה, דאס איז "סעלפישקייט" - איך האב "מיך" ליב, און דערפאר פיר איך זיך אויף שיין. דער ראש ישיבה האט אמאל מסביר געווען אז אמת'ע ליבשאפט מיינט ארויסצוגיין פון וועג און טון עפעס וואס "איך האב נישט ליב", נאר כדי יענעם פריילעך צו מאכן.

אונזער ארבעט איז צו פריילעך מאכן די ווייב, און אויב מיר וועלן עס טון לשם שמים, וועט עס זיין סופה להתקיים, און דאס איז אמת'ע אהבה און אמת'ע שלום.

עס איז א שאד אריינצוטראכטן וואס האט טראמפ געמיינט ביים אנפאנג אדער וואס ער טראכט יעצט, מיר וועלן נישט אנקומען אין ערגעץ מיט דעם. מיר קענען אבער יא טראכטן וואו מיר שטייען אויף דער וועלט: וואס קען איך היינט טון צו מאכן מיין ווייב פריילעך? דאס וועט אונז ברענגען אייביגע רווחים.

# א ווארט צוויי

שיקט אריין אייער ווארט צווי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

בילד פון די וואך




## על קברו

דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך משתטח ביים ציון פון הרה"ק מ'באבוב זצ"ל, פארלאפענעם פרשת קרח תשפ"ו, געציילטע וואכן פארן גרויסן יומא דהילולא קדישא, ווי ר' יענקי פיש טוט פאראייביגן דעם מאמענט מיט א גערעטן בילד, ווי זיין שטייגער פארלאנגט

גוטזאגער

## "טו וואס דו קענסט יעצט, מיט וואס דו האסט יעצט, דארט וואו דו ביסט יעצט."

## דעם אמת'ן אמת

שענקענדיג א מזל טוב פאר א משפחה מידגליד וואס האט א שידוך געטון האב איך זיך אויסגעדרוקט: "אזא פיינעם בחור האסטו באקומען!" האט ער מיטאמאל אנגעהויבן אריינגראבן, "איך האב אויך געהערט גוטע זאכן אויף אים, אבער וואס קען מען דען זען פונדרויסן? מ'קען דאך נישט וויסן דעם 'אמת'..."

האב איך אים געענטפערט: "דאס וועסטו מיר ענטפערן ווען איך קום דיר זאגן אז ער איז א שגץ, דעמאלטס זאלסטו חזר'ן אט דאס, אז וואס קען מען דען זען פונדרויסן? מ'קען דאך נישט וויסן דעם 'אמת'... ווען דו הערסט א קאמפלימענט אויף דיין נארוואס געקליבענעם חתן זאלסטו עס אננעמען, און דאנקען דעם אייבערשטן!"

**ר' ישראל דוד העסקעל** אין פרישן **תם מה הוא אומר** קנעפל אויף קול ברסלב מיט זיין שותף **ר' יצחק אייזיק ראזענבוים**

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

פריידיגע

"ווער עס האט הייליגע אויגן קען זען 'שבת חזון' ווי דער בית המקדש השלישי בויט זיך אויף."

- קדושת לוי זי"ע

על דא ועל דארט

## ווילימסבורג - א מחי' גאר

נאכן דערמאנען דעם שכן-געפעלער טעמע א וואך צוויי צוריק אין די דאזיגע שורות, דערציילט מיר א איד פון א געוויסע שטאט, נישט דארט וואו דער ראש ישיבה וואוינט, וויבאלד דער ראש ישיבה זאגט כסדר: "ווען איינער פרעגט מיר 'דו וואוינסט אין וויליאמסבורג?' ענטפער איך 'ניין'. איך וואוין אין מיין הויז. גראדע, מיין הויז געפינט זיך אין א שטאט וויליאמסבורג."

אבער אונזער בעל המעשה שהוה וואוינט יא אין וויליאמסבורג, דערציילט ער מיר אז ביי זיי וואונטשט מען: "דער אייבערשטער זאל העלפן, זאלסט האבן אלעס וואס דיין שכן טראכט אז דו האסט..."

## צהלתו בפניו ואבלו בלבו

אמאל האט מען געשמועסט מיט מוהרנ"ת, מען האט איס דערציילט אז עס זענען דא ערליכע אידן וואס זאגן אז זיי האבן א ירידה אין די טעג פון 'בין המצרים'; האט מוהרנ"ת געזאגט: "עס איז נישט אמת, די טעג פון בין המצרים זענען טעג וואס מען קען זייער נאנט ווערן צום לערנען תורה, דורך דאווענען און טון גוטע מעשים".

על כן זאלסטו אויסנוצן די טעג מיט לערנען און דאווענען, און אפילו מען פירט זיך אין דיני אבילות – זאלסטו אבער זיין פרייליך, זאלסט ארומגיין מיט א שמייכל. אזוי ווי דער הייליגער חוזה פון לובלין זכותו יגן עלינו האט געזאגט פארן הייליגן ישמח משה זכותו יגן עלינו: "צהלתו בפניו ואבלו בלבו", פון דרויסן זענען מיר פריילך, און די הארץ אונזערע – וויינט, מיר פרייען זיך מיט די מצוות וואס מיר טוען; אזוי איז געווען ביי אלע צדיקים, און אזוי האבן זיי געלערנט די תלמידים, מען זאל שמייכלען און זיין מיט א פרייליכע גיסטע, נאר שטילערהייט זאל מען עוסק זיין אין קלאגן און וויינען אויפן חורבן הבית.

אויסצוג פון פרישע **קונטרס בין המצרים** וואס איז נארוואס ערשינען

## קאמפליציערטלאך

"לאמיר אויסהערן דעם צדיק וועלן מיר נישט וויסן וואס קאמפליצירט מיינט."

**ר' גרשון קרעמער** ביים **אלץ און אלעמען** קאלום אין בלעטל

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט:

## אוי לי על גלות השכינה

"ווער ס'וויל טרייסטן די שכינה זאל נעמען קונטרסים און גיין הפצה."

- ביים באטע פארגאנגענעם שב"ק מטו"מ תשפ"ו לפ"ק

# טייערע אויפרייסערישע שמחות



**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שֶׁעפּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דִי דְרָשׁוֹת. יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אִיבֶּער חֲתוּנָה קְלֵיידֶער.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֶם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס אִיךְ הַאלְט אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, וָואס צַדִּיקִים הַאלְטְן דָאס אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן; וַוייל דִי צַדִּיקִים - זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז גוּט פַאר אוּנְז, זֵיי וַוייזְן אוּנְז דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז גוּט.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת; נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה. אַ שָׁאד דִי גֶעלְט וָואס מֶען וַוארְפְט אוֹיס פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי בְּלוּמֶען; מֶען קוֹיפְט טֵייעֶרֶע בְּלוּמֶען פַאר אַפָּאר שָׁעָה, גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה וַוארְפְט מֶען דָאס אַרוֹיס אִין מִיסְט. נָאכְדֶעם דִי קְלֵיידֶער פוּן דִי מְחוּתֶּנְת'טֶעס אוּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה; שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער וֶוערְט פַארְשְׁוֶועמְט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי זַאכְן.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי זַאכְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן דָאס גֶעבְּן פַאר דִי פָּארְפָּאלְק זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוֹיפְן אַ דִירָה.

אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט, מֶען בָּארְגְט גֶעלְט

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה ואתחנן תש"פ**

פַאר דִי שְׁטוּתִים - אִיז דָאס גָאר אַ גְרוֹיסֶע זוּנְד; מֶען בָּארְגְט שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן, מֶען שְׁלֶעפְּט שְׁוֶוערֶע זֶעק פוּן חוֹבוֹת, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דִי חוֹבוֹת, קוֹים וָואס מֶען הֵייבְּט אָן בַּאצָאלְן חוֹבוֹת פוּן אֵיין קִינְד דַארְף מֶען שׁוֹין בָּארְגְן פְרִישֶׁע חוֹבוֹת פַאר דֶעם צְוֵוייטְן קִינְד אוּן אַזוֹי דְרֵייְדְט זִיךְ דָאס אַ גַאנְצְן לֶעבְּן.

אֲפִילוּ מֶען זָאל יָא הָאבְּן דָאס גֶעלְט טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר שְׁטוּתִים פַאר דִי פָּאר שָׁעָה - אַלֶעס פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדֻמֶּה; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט מִיט דִי עֲשִׁירִים, זֵיי אַלֵיינְס זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן סד): **"כָּל הַנְּגִידִים הַגְּדוֹלִים, כִּמְעַט כֻּלָּם, הֵם מְשֻׁגָּעִים מַמָּשׁ"**, דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אַלֶע אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע; מִיט זֵיי אַלֵיינְס קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, גֵיי לֶערְן אוֹיס אַ מְשׁוּגֶענֶעם וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז מִיט דִי אַלֶע וָואס חַנְפְ'נֶען דִי עֲשִׁירִים; מֶען רִימְט זֵיי אוֹיס וֶוען זֵיי מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ בַּיי זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, מֶען קְלַאפְּט זֵיי אִין רוּקְן, מֶען הֵייבְּט זֵיי אוּן מֶען רִימְט זֵיי, דֶערְנָאךְ וֶוערְט דָאס אַ וֶועג פַאר אַלֶע, אַלֶע ווִילְן דָאס נָאכְמַאכְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת, דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא - סֵיי דִי כַּלוֹת אוּן סֵיי דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן בַּיי דִי שִׂמְחוֹת זֵייעֶר פָּשׁוּט. מֶען קוֹיפְט נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, מֶען קוֹיפְט נִישְׁט קַיין בְּלוּמֶען, מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ; אוּן אֲפִילוּ צִירוּנְג וָואס דָאס אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, מֶען גֵייט דָאךְ מִיט דֶעם פַאר אַ שְׁטִיק צַייט - קוֹיפְט מֶען אוֹיךְ פָּשׁוּטְ'עֶ, מֶען קוֹיפְט נִישְׁט דִי גָאר טֵייעֶרֶע.

**עֶס אִיז אַ שְׁטָאלְץ בַּיי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא זִיךְ צוּ פִירְן פָּשׁוּט**, עֶס אִיז אַ שְׁטָאלְץ בַּיי זֵיי צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה אָן קַיין חוֹבוֹת. דִי תַּלְמִידוֹת - מֵיידְלֶעךְ אוּן כַּלוֹת הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ רֵייץ וֶוער עֶס קֶען גֵיין מֶער פָּשׁוּט, מֶער בִּילִיג; זֵיי וֵוייסְן וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, זֵיי וֵוייסְן אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער וֶוען מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן טֵייעֶר; נִישְׁט דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן, נִישְׁט דִי טֵייעֶרֶע בְּלוּמֶען דָאס אִיז דִי חֲתוּנָה, נִישְׁט דִי צִירוּנְגֶען אִיז דִי זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ בַּיי אַ שִׂמְחָה, דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן אִיז וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט אוּן אַלֶעס אִיז צוּם גוּטְן. דֶער עִיקָר חֲתוּנָה הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען חָתָן כַּלָה גֵייעֶן אַהֵיים, דֶער עִיקָר חֲתוּנָה אִיז וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן וֶועג אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן רַייכְקֵייט פוּן דִי חֲתוּנָה אִיז דִי יָארְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט; מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען אִיז מְוַותֵּר אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף כַּלוֹת וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, זֵיי וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ, וִוי מֶער גֶעלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט זֵיי דִי אַלֶע יָארְן אִין סְקוּל וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז; מֶען לֶערְנְט מִיט מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּלְ'ס אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר לֶערְנֶען, חוּץ אֵיין זַאךְ - וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז. מֶען פַארְדְרֵייְדְט זֵיי מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי טִיפֶע לִימוּדִים, זַאכְן וָואס זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אַיינְגֶעפִירְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ אִין זַיין שְׁטֶעטְל אִין יַבְנְאֵל, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטָאט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּמְזִיסְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעבּוֹיט אַ זַאל אוּנְטֶערְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן קַיין אֵיין שֶׁקֶל פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֵייעֶן אִין דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַלֶע יָארְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת; דִי חוּפָּה מַאכְט מֶען אִין גַאס אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דִי סְעוּדָה וֶוערְט צוּגֶעשְׁטֶעלְט דוּרְךְ מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי קְהִילָה, אֵיינֶער מַאכְט אַ קוּגְל, אֵיינֶער מַאכְט פֶּערְפְל, אֵיינֶער מַאכְט אַבִּיסְל טְשָׁאלְנְט אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה, חָתָן כַּלָה זֶענֶען פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נָאךְ דָאס מֶערְסְטֶע פְרֵיילִיךְ, וַוייל זֵיי קוּמֶען אוּן גֵייעֶן וִוי עֶכְטֶע מְחוּתָּנִים, עֶס קָאסְט זֵיי נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה.

דִי עֶסְצֵייג אוּן טִישְׁטוּכֶער שְׁטֶעלְט דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ, דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֶסְצֵייג מִיט וָואס דִי חָתָן כַּלָה הָאבְּן גֶעגֶעסְן אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין סְקוּל אוּן דִי זֶעלְבֶּע טִישְׁטוּכֶער אוֹיף וָואס דִי חָתָן כַּלָה הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעגֶעסְן - פוּן חֵדֶר בִּיז צוּ דִי חֲתוּנָה.

דָאס אִיז וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן וֶועגְן חֲתוּנָה קְלֵיידֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן; מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן קַיין אֵייגֶענֶע מִנְהָגִים.**

POWERED BY:
אנשי חיל



# הזריז נשכר

דער גבאי צדקה ביי די הייזער איז מרוויח צאמצושטעלן גרעסערע סכומים, און דער פאמילע ארומרופער שפארט זיך פון הערן אז זיין ברודער האט אים שוין אויסגעכאפט.

**י״ד - ט״ז אב**

די דאטום ווען דיין 'לעבנסגעשיכטע' וועט אנהייבן אינספערירן.

# זריזין מקדימין!

צענדליגע איגערלייט האבן זיך שוין
געקרוינט אלס גבאי צדקה ווען זייער
הארעוואניע פארן ״לעבנסגעשיכטע״
קאמפיין גייט שוין אן אין פולן שוואונג.



# לעבנסגעשיכטע




**א י ן**

***קורצן פון פריער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*פייערט פאר קדושת שבת.*

*מאכט חתונה די קינדער צו ערליכע מענער.*

*שטעלט אויף גרויסע תלמידים.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

איינמאל א יאר האט מען דערקענט א ספעציעלן טרויער אויף רבי יעקב יוסף; דאס איז געווען אין די ימי בין המצרים, צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב.

מען האט ווירקלעך געזען אויף אים אז דער חורבן איז נישט בלויז א געשעעניש וואס האט פאסירט אמאל אין די פארגאנגענהייט, נאר עס פאסירט טעגליך, אזוי ווי חז"ל זאגן: "כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נבנה בימיו".

דער הייליגער רבי לערנט אונז אז דער

ע י ק ר

חורבן איז "על היכלי" - אויף מיין אייגענעם היכל; אויף דעם וואס אידיש קינדער זענען אזוי ווייט פונעם טאטן אין הימל, און אויף דעם וואס מיר פארגעסן פונעם אייבערשטן און פון אונזער הייליגער אמונה.

דאס האט מען געזען בחוש אויף רבי יעקב יוסף. א טיפער ווייטאג האט זיך דערקענט אויף אים אין די ימי אבילות אויף דעם וואס מיר זענען נאכנישט זוכה צום "ושכנתי בתוכם". יהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו.

...

יעדע יום טוב האט געהאט איר אייגנארטיגע שיינקייט און ספעציעלקייט. אפילו פילע אידן אין יענע טעג זענען ליידער געווען זייער ווייט פון תורה און מצוות, האט ר' יעקב יוסף אנגעהאלטן אלע הלכות ומנהגים אן קיין שום פשרות.

ראש השנה און יום כיפור פלעגט ר' יעקב יוסף דאווענען פארן עמוד אין "תפארת ירושלים" שול. זיין קול האט מעורר געווען די אידן צו תשובה און תפילה, און פונעם ווייבער שול פלעגן זיך גיסן

טייכן

טרערן.

די פרויען, וועלכע זענען נישט אלע געווען קיין פרומע, פלעגן שמועסן צווישן זיך: "נאר ר' יעקב יוסף קען אזוינס באווייזן - אזוי צו עפענען אונזערע הערצער צו תשובה."

יום הקדוש פלעגט ער שלאפן אין בית המדרש און זיך בלויז אהיימקערן מוצאי יום הקדוש. גלייך נאך הבדלה האט ער זיך מיט א גרויסע שמחה גענומען בויען די סוכה.

אין יענע יארן אין אמעריקא איז דאס געווען א יקר המציאות; זעלטן ווען מען האט געזען א סוכה שטיין.

איין יאר, ווי נאר ער האט געענדיגט בויען די סוכה, האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר. אן אינספעקטאר פון די שטאט איז דארט געווען; עס ווייזט אויס אז איינער האט פארמסר'ט די בוי-ארבעט.

"וואו איז דאס ביידל וואס דו האסט געבויט? דאס איז אומלעגאל. מען דארף האבן א פערמיט (רשות) דאס צו בויען," האט דער אינספעקטאר שטרענג געמאלדן.

ער האט דאן ארויסגענומען אן



ת. מאנן | 26

אפיציעל
פאפיר און ארויפגעשריבן, אז ביז צוויי וואכן מוז דאס בײדל זיין צענומען, אויב נישט וועט ער באקומען א גרויסן געלט-שטראף.

ר' יעקב יוסף האט אוודאי געפאלגט דאס געזעץ, און אונטער צוויי וואכן - מוצאי סוכות - איז דאס "בײדל" שוין געווען אוועקגענומען.

ר' יעקב יוסף פלעגט האבן פילע געסט אין די סוכה און מזכה געווען אומצאליגע אידן מיט די מצוה פון סוכה.

מרת הערמאן איז געווען א גלייכע שותף אין איר מאן'ס הייליגע ארבעט; זי האט צוגעשטעלט עסן מיט מסירת נפש און מיט אזויפיל הארץ. עס איז ווייט נישט אלעמאל אנגעקומען גרינג, אבער זי האט דאס געטון "ווייל זי האט געוואלט."

רוחמה דערציילט אין אירע זכרונות:

עס איז געווען די נאכט פון הושענא רבה. דער טאטע איז געגאנגען אין שול, וואו ער האט פארברענגט דורכאויס די גאנצע נאכט. עס איז שוין געווען נאך חצות, און די מאמע איז נאך אלס געזעצן אין קאך און געמאכט כשר און פיר צוואנציג הינער לכבוד שמחת תורה.

איך בין געזעצן און צוגעקוקט ווי מיין מאמע זאלצט אויס דאס גאנצע פלייש.

איך
האב שטענדיג ליב געהאט דאס מיטצוהאלטן. מיין מאמע פלעגט אויסשיטן די זאלץ מיט אזא געניטקייט, אז עס האט אויסגעזען ווי עס רעגנט זאלץ.

אינצווישן האבן זיך מיינע מידע אויגן אנגעהויבן פארמאכן. "גיי שלאפן, רוחמה," האט מיין מאמע צו מיר געזאגט ווארעם און אײדל.

איך בין טאקע אריין אין בעט און איינגעשלאפן מיט זיסע חלומות. פלוצלינג פיל איך ווי איינער וועקט מיר אויף, און איך הער מיין מאמע'ס קול ווי פונדערווייטנס.

"רוחמה, שטיי אויף."

"מאמע..." האב איך זיך דערשראקן, "וואס גייט פאר? וויפיל איז דער זייגער?"

"עס איז אינמיטן די נאכט, רוחמה. איך האב נארוואס געענדיגט כשר מאכן די הינער און איך האב צוזאמגעמישט די פיפיקלעך. יעצט האב איך באמערקט אויף איינע פון די פיפיקלעך אז עס איז דא א שאלה. לויף שנעל, רוחמה, צום טאטן און בעט אים ער זאל גיין צו הרב סקינדער."

די מאמע'ס קול איז געווען געשטיקט. זי האט נישט געדארפט צופיל רעדן; אויב די שאלה איז טריפה, דאן דארף מען אלע פיר און צוואנציג הינער ארויסווארפן. דאס

מיינט
אז די גאנצע ארבעט, די צייט און די כוחות פון די מאמע גייען לטמיון.

איך בין שנעל ארויסגעלאפן פון שטוב אין ריכטונג פון שול. ווען איך בין אנגעקומען און גערופן מיין טאטן, איז ער ארויסגעקומען מיט זארג.

"עפעס האט פאסירט?" האט ער געפרעגט.

איך האב אים מיטגעטיילט די געשיכטע, און מיין טאטע האט זיך פלינק אנגעטון דאס היטל און אינאיינעם זענען מיר געלאפן איבער די גאסן ביז צו דער באשיידענער שטוב פון הרב סקינדער.

נאך א שטילן קלאפ האט הרב סקינדער געעפנט די טיר.

"רבי יעקב יוסף, מיט וואס קען איך אייך העלפן?" האט דער רב זיך געוואונדערט.

דער טאטע האט ארויסגענומען די שאלה און געזאגט פארן רב: "מיין פרוי האט נארוואס כשר געמאכט אן עוף, און עס האט זיך געמאכט א שאלה אויפן פיפיקל."

איך האב געקוקט אויפן טאטן אינגאנצן שאקירט. פארוואס דערציילט ער נישט אז דא איז דא א שאלה פון פיר און צוואנציג הינער?

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## אזוי גערופענער בעל מקובל (חלק ב')

אינצווישן איז געשען א פאסירונג, אז א איד איז געקומען צו דעם בלאפער און זיך אויסגעוויינט אז זיין ווייב איז שוין עטליכע יאר זייער קראנק רח"ל, און ער האט אים געבעטן: "גיב מיר עפעס אן עצה אדער א סגולה זי זאל געהאלפן ווערן און האבן א ישועה." האט דער בלאפער געזאגט: "יא! איך האב א גוטע עצה! גיי יעדן טאג צום ים המלח, נעם פון דארט אפאר לעפלעך זאלץ און גיב עס פאר דיין ווייב, און אזוי וועט זי האבן א רפואה שלימה."

דער אינגערמאן איז געגאנגען און געפאלגט, און מיט גרויס טפשות האט ער יעדן טאג געגעבן אפאר לעפלעך פון די שטארקע זאלץ פונעם ים המלח פאר זיין קראנקע ווייב, און ביז אפאר טעג איז די פרוי נעבעך געשטארבן.

און ווען די דאקטוירים האבן געהערט די געשיכטע, האבן זיי געזאגט אז אפילו א געזונטער מענטש וואס נעמט בלויז עטליכע לעפלעך פונעם שטארקן זאלץ פון ים המלח, קען שטארבן רח"ל פון די שטארקייט פונעם זאלץ. אוודאי און אוודאי ווען א קראנקער מענטש נעמט די זאלץ איז עס א גרויסע סכנה, דעריבער איז א מענטש וואס גיט אזא עצה אדער א משוגענער אדער א רוצח.

צוביסלעך איז דער מקובל געווארן באקאנט ביי יעדן אלס א פשוט'ער בלאפער, און פארשטייט זיך אז זיין ביזנעס איז שוואכער געווארן און ווייניגער מענטשן האבן אנגעהויבן קומען צו אים.

עס זענען אדורך עטליכע חדשים, און דער צובראכענער איד וואס האט געווארפן די עפל מיט די געשריבענע אותיות אין וואסער, האט באגעגנט דעם בלאפער מיט לאנגע געוואקסענע האר, אנגעטון מיט מאדנע פראסטע קליידער, און רוב פון זיין בארד איז געווען אראפגעשניטן. ערשט דעמאלט האט דער צובראכענער איד איינגעזען: יא, ער איז א פשוט'ער בלאפער!

איז ער געלאפן צו מוהרא"ש און געזאגט: "יא, איך מוז מודה זיין! איר זענט גערעכט! ער איז בכלל נישט הייליג און ער איז א גרויסער שקרן." האט מוהרא"ש אים געזאגט: "איך קען דיר זאגן איין זאך, ווען דו וואלסט געהאט אמת'ע אמונת חכמים, וואלסטו געראטעוועט געווארן פון פילע שרעקעדיגע צרות."

למעשה איז דער צובראכענער איד ווייטער ארומגעגאנגען זוכן הילף ביי "שטערן-זעער", ביי מענטשן וואס קוקן אויפן שטערן מיט חכמת הפרצוף, און ביי מענטשן וואס באקוקן די האנט, אבער קיינער האט אים נישט געקענט העלפן. עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן אים געזאגט אז זיין עצה וועט זיין צו פאסטן אסאך תעניתים.

ער איז געווארן אזוי צובראכן דערפון אז קיינער קען אים נישט העלפן, און אז אויב יא איז עס נאר דורך פאסטן תעניתים, איז ער מיט א צובראכן הארץ געקומען צו מוהרא"ש. האט אים מוהרא"ש געזאגט: "אויב דו וועסט פאסטן, וועסטו באמת ווערן צובראכן 'כחרס הנשבר'. איך גיי דיר געבן אן עצה וואס העלפט: נעם א מסכת תענית - בבלי, ירושלמי, און תוספתא - און זיי עס מסיים יעדער חודש. דאס וועסטו האבן אין די האנט און עס וועט דיר העלפן."

דער איד האט געפאלגט בתמימות ובפשיטות און מסיים געווען יעדע חודש מסכת תענית בבלי, ירושלמי, און תוספתא. נאך עטליכע יאר האט ער באקומען אן אפעטיט צום דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי'ן, און ער האט אנגעהויבן מסיים זיין מסכת נאך מסכת, ביז נאך א תקופה האט ער שוין יעדע חודש מסיים געווען גאנץ בבלי און ירושלמי, און ער האט זיך געטוישט צו זיין אן אנדערע מענטש לגמרי דורך די עצות פון מוהרא"ש.

ווען מוהרא"ש האט דערציילט די געשיכטע האט ער אויסגעפירט: "דא זעט מען די חילוק צווישן א פאפער און אן איש אמת. פון א פאפער גייט מען ארויס אן גארנישט אין די הענט, אבער פון אן איש אמת און א צדיק באקומט מען אן עצה וואס מען פארדינט דערפון גלייך און אויף לנצח נצחים!"

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך צבועים*



דעם הייליגן רבינ'ס

לעבנסגעשיכטע

קס"ח

## פארזעצונג פון פריער:

**יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי יֶעדְעס יָאר. מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ גֶעווַאלְדִיגֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.**

אִין יֶענֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אָנְגֶעטוּן ווַייסֶע בְּגָדִים, אוּן דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן קֶען מֶען זֶען אִין דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ אִיד וָואס הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין מֵיידְל וָואס הָאט גֶעלִיטְן אוֹיף חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט ווַיין פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָּז אִין דִי תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אַלֶעס וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען מְרוּמָּז אִין דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט.

אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן הָאט מֶען גֶעקֶענְט אַלֵיין זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי פִּילֶע בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת וָואס אִיז גֶעלִיגְן אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן דִי טִיפֶע כַּוָּונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט אַז דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט אוֹיף פְרַאנְקְרֵייךְ, ווַייל דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן גֶעלְט, אוּן וָואס אִיז דֶער תִּיקּוּן אוֹיף הַאנְדְלֶען אִין מַשָּׂא וּמַתָּן, אוֹיךְ רֶעדְט דֶער רֶבִּי דָארְט פוּנֶעם תִּיקּוּן הַדִּיבּוּר דוּרְכ'ן רֶעדְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים אוּן פוּן ווַייסֶע בְּגָדִים.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י', כ') "כֶּסֶף נִבְחָר לְשׁוֹן צַדִּיק" דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז "פְרַנְק", עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַסַאךְ טִיפֶע סוֹדוֹת וָואס פְרַאנְקְרֵייךְ הָאט מִיט דִי תּוֹרָה.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַסַאךְ נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אִין מִינוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דוּרְךְ דֶעם רָשָׁע יַעֲקֹב פְרַנְק שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ נָאכְפָאלְגֶער פוּן דֶעם מָשִׁיחַ שֶׁקֶר שַׁבְּתַי צְבִי יִמַּח שְׁמוֹ, אוּן עֶר הָאט לֵיידֶער אָנְגֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע חֻרְבָּנוֹת אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין דִי צַייטְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן זַיין טוּמְאָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי רֵייד פוּן זַיין טָמֵא'נֶעם מוֹיל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט גֶענְצְלִיךְ מַכְנִיעַ זַיין דִי טוּמְאָה, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַז אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן אִיז זַיין פֶעסְטוּנְג גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן לֵיידֶער זֶענֶען פִילֶע מֶענְטְשְׁן פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין זַיין טוּמְאָה, אוּן ווֶען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר זֵיי מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען.

יֶעצְט הָאט דֶער רֶבִּי אָבֶּער גֶעווָאלְט אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן דֶעם "פְרַנְק", עֶר הָאט גֶעווָאלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִי ווֶעלְט אוּן מַאכְן יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה שְׁלֵימָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁלִיחוּת, אָבֶּער דֶער סַמֵּ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי צֶעשְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

דֶער רֶבִּי אִיז אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין דֶעם זוּמֶער, ווִי מִיר ווֶעלְן שְׁפֶּעטֶער זֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס לֵיידֶער נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

דֶער שָׂטָן הָאט לֵיידֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן עֶר אַרְבֶּעט נָאךְ ווַייטֶער אוֹיף אַלֶע פְרַאנְטְן אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי גְאוּלָּה שְׁלֵימָה. מִיר ווַארְטְן אוּן מִיר הָאפְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין - מִיט'ן כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - צוּ זַיין זַיינֶע גוּטֶע אֱמֶת'עֶ שְׁלוּחִים, מִיר זָאלְן אַנְטְפְּלֶעקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פַאר גַאנְץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות בין המצרים (חלק ג')

**הקדמה קצרה:** שבת פאר תשעה באב רופט מען 'שבת חזון', על שם די הפטורה וואס חז"ל האבן מתקן געווען צו זאגן, 'חזון ישעיהו' די דריטע הפטורה פון די שלוש פורענותא.

עס ווערט געברענגט בשם דער הייליגער קדושת לוי זי"ע[1], א איד זעט שבת דעם בית המקדש דלעתיד, דאס הייסט אז מען שפירט א מעין וואס מען וועט שפירן כשיהיה בית מקדשינו בב"א.

עס שטייט אין הייליגן תפארת שלמה (מאמרי שבת חזון ד"ה אז תרצה הארץ את שבתותיה בא"ד) שבת חזון איז דער גרעסטער שבת פונעם יאר[2]. מעיקר הדין שבת חזון גייט אביסל אן דיני אבילות (כגון: כ' ברמ"א סעי' תקנ"א סי' א') אז מען טוט זיך נישט נישט אן שבת'דיג, (וכגון כ' במג"א סעי' רפ"ב סקי"ד בשם הריב"ש) אז מען זאגט די הפטורה מיט די ניגון פון איכה. אבער ביי חסידים וואס גייען אויפן דרך פונעם אור שבעת הימים דעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש זי"ע ותלמידיו הקדושים זי"ע, געבויט אויפן הייליגן אר"י הקדוש זי"ע איז מען גארנישט משנה דעם

### הגהות

1) עי' בדרושי צמח צדק על מגילת איכה, וז"ל ענין שבת חזון שמעתי אאמו"ר ע"ה שסיפר בשם הרב מ'בארדיטשוב נבג"מ: עפ"י משל "עס איז געווען א טאטע וואס האט געהאט א בן יחיד, און ער האט אים געמאכט א לבוש יקר, דער קינד האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, האט עס די טאטע צוריסן, - דער זון איז בעסער געווארן האט ער אים אויפגענייט נאך איינס, ווייטער האט זיך דאס קינד נישט גוט אויפגעפירט, האט עס די טאטע נאכאמאל צוריסן.

מה עשה האב? געמאכט א דריטע קלייד ולא נתן לו, ואמר לו, קוק! טאמער דו וועסט זיך אויפירן ווי עס דארף צו זיין איז די קלייד דיינס, וזה ענין שבת 'חזון', לשון מחזה, שמראין לכ"א וא' המקדש דלעתיד מרחוק.

2) וזלה"ק אז בזמן הגלות תרצה הארץ את שבתותיה הם השבתות המה לרצון לפני הקב"ה בשמחה גדולה, כמו שיסד מהר"ש אלקבץ בפיוטו לכה דודי, רב לך שבת בעמק הבכא, ימי המצרים בין י"ז בתמוז וט' באב המה עמק הבכא, ואז רב לך שבת - יום השבת קודש בימי בין המצרים, הוא יותר גדול מכל ימות השנה מפני שבימי החול גדול הצער, לכן בשבת קודש מתרבה השמחה למעלה וכו' עכ"ד, והדעת נותנת דשבת חזון דמפני שבחול יותר עמק הבכא, שבת היא בבחינה גדולה.

3) עי' בערוך השולחן סעי' י"א וז"ל בא"ד ולכן נלענ"ד דזה תלי באופן ההלבשה דאצל הקדמונים היתה הלבשת שבת וחול שוים בדמותם ובתמונתם, אלא ההפרש היה בין סחורה יקרה ובין פשוטה ולא היה ההפריש ניכר כ"כ... משא"כ זה כמה דורות מקודם ששבת היתה תמונה אחרת לגמרי להבגדים בין עני בין עשיר, כמו שבחול היו נושאין כובע של קלאפי"ן ובשבת שטריימיל, וכן שארי בגדים היה ניכר לכל שזה בגד חול כמו קיטאי"י... לפיכך הנהיגו הגדולים שלא להנהיג מנהג זה, מפני שההפרש ניכר הרבה והוי כמו אבילות בשבת ע"כ.

4) וכ"כ בס' משמרת שלום סי' מ', שאבותיו נהגו לרחוץ בחמין כשאר שבתות

שבת ווי אנדערע שבתים פונעם יאר [3]. און אזוי אויך איז די מנהג לגבי זיך וואשן ערב שבת קודש [4].

## הלכות וואס זענען נוגע פאר שבת חזון

**א)** מען מעג זיך שערן די נעגל לכבוד שבת קודש (מ"ב סי' תקנ"א סק"כ) [5].

**ב)** מען מעג זיך פוצן די שיך.

**ג)** אויב מען האט נישט קיין וועש לכבוד שבת מעג מען וואשן (מג"א סקי"ד מ"ב סקל"ב).

**ד)** ערב שבת ביי טועמיה טאר מען נישט עסן קיין פלייש.

**ה)** פאר קליינע קינדער מעג מען געבן צו עסן פלייש אפילו פארן זמן שבת [6].

**ו)** מען מעג זיך אנטון בגדי שבת אין די צייט וואס מען טוט עס אן יעדע וואך אפילו שוין פון חצות [7].

**ז)** מען דארף נישט אויסטון די בגדי שבת תיכף נאכן זמן, נאר מען מעג גיין דערמיט גאנץ מוצאי שבת [8].

**ח)** ביי מלוה מלכה אז מען בענטשט מזומן על הכוס דארף דאס זיין אויף חמר מדינה ווי למשל ביר, אבער נישט קיין וויין, כאטשיג וואס די וויין פון הבדלה טרינקט מען יא [9].

**ט)** די מנהג איז אז מען איז נישט מקדש די לבנה ביז נאך תשעה באב (רמ"א סי' תקנ"א ס"ח וכן בסי' תכ"ו סעי' ב') [10] אבער אויב האט מען מורא אז עס וועט זיין פארוואלקענט מעג מען יא מקדש זיין פריער (ערוך השולחן סי' כ"ב) [11].

## הלכות תשעה באב

עס איז אסור צו עסן, טרינקען, וואשן, שמירן, אנטון לעדערנע שיך, גריסן, ארבעטן, תשה"מ, און לערנען.

**א)** נשים מעוברות ומינקות יעשו שאלת חכם אם הם צריכים להתענות, ביי קליינע קינדער פירט מען זיך אז ביינאכט עסט מען נישט.

**ב)** אפילו א חולה (או כגון הנמני באות כ"א) זאל מען נישט עסן קיין נאש וכדומה (מחבר סעי ה').

**זיצן אויף א בענקל: ג)** ביז דריי טפחים איז מותר, פון חצות היום איז מותר צו זיצן הויער (מחבר רמ"א סי' תקנ"ט ג').

**ד)** מעוברות, אדער זקנים, שוואכע וכדומה קענען מקיל זיין צו זיצן אויף א נארמאלע בענקל (עי' בערוך השולחן ה' אבילות יו"ד סי' שפ"ז ס"ג), ווען מען פארט אין א קאר מעג מען זיצן געהעריג (אהלך באמיתך פל"ו אות כ"ג).

**זיך וואשן: ה)** עס איז אסור זיך צו וואשן סיי קאלט און סייווארעם, אפילו אריינלייגן א פינגער אין וואסער טאר מען נישט, (לשון המחבר תקנ"ד סעי' ז', עפ"י מג"א סעי' תקנ"א סקל"ח) קליינע קינדער שהגיעו לחינוך, איז אויך אסור זיך צו וואשן.

**ו)** ווען מען וואשט זיך צופרי נעגל וואסער, אדער נאכן גיין אין בית הכסא, אדער מען האט צוגערירט די שיך, אדער די מקומות המכוסים, אדער פאר'ן דאווענען, וואשט מען זיך ביז סוף פון די פיר פינגער'ס (שו"ע סעי' י' - רמ"א סעי' ט').

**ז)** טבילה איז אסור. [1]

**ח)** אינדערפרי נאך נעגל וואסער ווען די הענט איז נאך פייכט מעג מען אפווישן די אויגן, (מחבר סעי' י"א) און אויך די פנים (מ"ב סקכ"ב) איינער וואס קען נישט פארנעמען אן אפוואשן די פנים מעג ער מיט מער וואסער (שם).

**ט)** איינער וואס איז געווארן שמוציג מעג ער עס אפוואשן וויפיל עס פעלט אויס אראפצונעמען די שמוץ, (מחבר סעי' ט') אזוי אויך א קינד וואס האט זיך פארשמירט, און אויך מיט ווארעם וואסער אויב עס פעלט אויס. [2]

**י)** איינער וואס ער האט גרויס צער טאמער ער שווענקט נישט אויס זיין מויל אינדערפרי, קען מען מקיל זיין פאר אים אויסצושווענקען די מול מיט אן אראפגעבויגענע קאפ (מ"ב סעי' תקס"ז סקי"א).

זיך שמירן: י"א) מען מעג זיך נישט

### הגהות

השנה, וכן נהגו ההולכים בעקבות הבעש"ט הק' זי"ע וכעת נהגו רוב העולם כן.

5) וז"ל קציצות צפרנים יש מחלוקת בין האחרונים, (שער הציין - טו"ז אוסר, ומג"א מתיר) אכן לצ' מצוה וכן לכבוד שבת שרי עיי"ש.

6) כ' בכף החיים ס"ק קנ"ה, א"ר (סקכ"ד) כ' דמותר לקטנים אחר חצות כיון שיש קצת קדושת שבת אחר חצות.

7) קובץ מבית הלוי (ביהמ"צ עמ' מ"ב).

8) הליכות אבן ישראל ע' שנ"ג - ולענ"ד דזהו בכלל כבוד שבת כמו כבדיהו בכניסתו וביציאתו. (לשון הפוסקים בהל' הבדלה, רמב"ם בכ"ט שבת ה"א סמ"ג מ"ע כ"ט, ועי' בס' החינוך).

9) כבר נתבאר בחלק ב אות 24) דהמנהג אצלינו לשתות יין של הבדלה עי"ש מקורות, אבל במ"מ אין מקור מוסמך. מש"ה הוי כמו שאר דברים האסורין.

10 ) עי"ש מ"ב סק"י טעם דאין שריון בשמחה ויברכו בימים שלאחרי'.

11 ) עי"ש בשם בשם רבנו האריז"ל כי יש לקדש הלבנה במוצאי ט"ב כי בו ביום נולד בן דוד כמבואר במדרשים, וכ"כ בפרע"ח.

1) ולענין טבילת ב"ק דני הפוסקים, עי' דע"ת בשם הראשונים, דס"ל דמי שרגיל לטבול בכל יום תדיר יש להקל ג"כ ביוה"כ בצינעא, כן בכי' זהור חי, ובספרו מעשה אורג עמ"ס ברכות פ"ג מ"ד שמחיוב לטבול, דלא גרע ממי שהולך להקביל פני רבו, ומי שרגליו כהות שרוחץ אותה כיון שאינו לשם תענוג, וכ"ש זה שכל גופו רותת וחושך לו עי"ש, עי' באורחות חיים (ספינקא) ח"ב בסי' פ"ח.

2) בכף החיים סקמ"ו, מיהו מסתמיות הפוסקים משמע דאין חילוק [דהויני בין חמין לצונן עי"ש לגבי המג"א] כיון דאינו מכיון לרחיצת ידיו, כ"א לרחוץ אותו דבר, [דהוא דיבר לגבי רחיצת בשר עי"ש] ומ"מ נראה דאם אותו דבר אי"צ לרוחצו בחמין יש ליזהר לרחצי בצונן.

שמירן אום תשעה באב, (מחבר סי' ט"ו) אבער לצורך רפואה מעג מען,[3] אפילו מיחוש בעלמא מותר[4] איינער וואס שוויצט מעג לייגן דיאודערענט. צוליב דעם איז אסור פאר א פרוי צו לייגן מעיקאפ, ליפ סטיק, אום תשעה באב.

**י"ב)** פשוט'ע צירונג וואס מען טראגט טאג טעגליך איז מותר צו גיין (לקט יושר יו"ד עמ' צ"ב).

**אנטון שיך: י"ג)** עס איז אסור צו אנטון לעדערנע שיך, סיי מענער און סיי פרויען.

**י"ד)** די פוסקים זאגן אז קליינע קינדער זאל מען אויך מחנך זיין מיט דעם (שבט הלוי ח"ז סו"ס רי"ח).

**ט"ו)** תשה"מ אסור.[5]

**זיך גריסן: ט"ז)** שאלת שלום איז אסור (מחבר סי כ') און אזוי אויך גריסן א גוטע נאכט און א גוט מארגן איז אסור.

**י"ז)** הדיוטות וואס ווייסן נישט דעם דין, און זיי גריסן ענטפערט מען זיי מיט א שוואכע קול **(שם).**

**י"ח)** מען געבט נישט קיין מתנות תשעה באב (מ"ב סקמ"א בשם המג"א).

**ארבעטן:** א איד מעג נישט ארבעטן תשעה באב ביז חצות, [6] אבער דורך א גוי אויב עס איז נישט אזא גרויסע זאך ווי בויען א בנין (אוושא מילתא) מעג מען (מ"ב סקמ"ו).

**י"ט)** קלייניקייטן ווי למשל אנצינדען א פייער, מאכן א קניפ וכדומה איז מותר דורך א איד (רמ"א סעי' כ"ב).

**כ)** זיך קובע זיין אויף אן ארבעט אפילו נאך חצות איז נישט אויסגעהאלטן, (מג"א סקכ"ז) און מען זעט נישט קיין סימן ברכה אין די געלט (מחבר סעי' כ"ד - כפי' מג"א הנ"ל).

**כ"א)** נאך חצות איז מותר צו קאכן און באקן, און טון אלע צרכי סעודה (מחבר תקנ"ט סעי' י').

**לערנען תורה: כ"ב)** די הייליגע חכמים ז"ל האבן גע'אסר'ט צו לערנען תשעה באב, ווייל די תורה מאכט פריילך! זאכן פונעם חורבן כגון מדרש איכה איז מותר, (מחבר תקנ"ד סעי' א') ספרי מוסר און ספרי יראת שמים מעג מען לערנען.

**כ"ג)** דאס וואס זענען פון סדר היום אזוי ווי קרבנות, איזהו מקומן, רבי ישמעאל, מעג מען זאגן (מחבר סעי' ד') .

**כ"ד)** ללמוד מעמדות וחק לישראל, וח"י פרקים משניות, מי שמקפיד בכל יום חק ולא יעבור, ויצטער אם לא ילמד, יש מי שמתיר, וכן המנהג אצלינו בהיכל הקודש.[7]

**הלכות פארן בית המדרש: כ"ה)** מען נעמט אראפ די פרוכת פונעם ארון קודש, (רמ"א סעי' תקנ"ט סי' ב')[8] מען לייגט עס צוריק ביי מנחה.

**כ"ו)** מען צינדט נישט אן אלע לעקטער, נאר כדי מען זאל קענען זאגן איכה און קינות (מחבר סעי' ג').[9]

**כ"ז)** מ'דאווענט דרך בני אבלים, וכן באמירת איכה, ביי יעדע קאפיטל איכה זאגט מען אלס אביסל העכער, און ביים לעצטן פסוק 'השיבנו' זאגן אלע מיט, און ערשט דערנאך דער חזן (כ"ז ברמ"א תקנ"ט סעי' א').

**כ"ח)** נאך מעריב זאגט מען קדיש תתקבל (באר היטב סק"א) און נאך איכה זאגט מען נישט קדיש תתקבל (עי' כ"ז שם).

**כ"ט)** צופרי איז מען מאריך מיט זאגן קינות ביז ארום חצות (רמ"א סי' ג').

**כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ויה"ר שיבנה בית המקדש במהרה בימינו וכבר נזכה לשמוע תשובה על השאלה הגדולה איזהו מקומן של זבחים!**

## הגהות

3) כן נראה ד' המחב' שכ' סיכה אינה אסירה אלא לתעניג.

4) דאינו דומה להל' שבת, פשוט.וכן כ' המחב' סעי' י"ד עי"ש.

5) עי' מחב' סי' תקנ"ד סעי' ח"י דאסור לישן במטה אחת משום לך לך אמרינן לנזירא, ועי' מ"ב סקל"ז דאסור ליגע באשתו היא נדה, ואפשר דה"ה לגבי ט"ב. ואני בעניי רגיל לומר בשם בעל באר משה מדעברעצין ז"ל, וזה אינו חומרא זה קולא כדי שלא יבא לעבור על איסור של ביאה, ודו"ק.

6) כעי' בשו"ע סי' ב' דתלי במנהג, אבל כמ"ב סקמ"ה כ' דבמדינתינו הוי כן המנהג.

7) כ"כ בספר פרח מטה אהרן, בקונט' הג' לשו"ע סי' תקנ"ד לדמות לט"ז סי' תקנ"ד סק"ג שכ' דת"ב שחל ביום ה' דרשאי לעבור הסדרה בת"ב, כיוון שבע"ש טרודין בצרכי שבת, הובא בבה"ט סק"ה וא"ר סק"ו, דה"ל כסדר היום, וא"כ ה"ה בזה שמבואר באריז"ל ללמוד סדר הזה, ומשא"כ בכף החיים סי קל"ב סק"ד הה"ד לעניו זה עי"ש. וכ"כ בהקדמות ספה"ק באר מנחם עה"ת, שהרה"ק מ'קאלוב זי"ע לעת ערב לבש הטלית ותפילין, והשלים כל השיעורים שנהג ללמוד בשאר ימים בבוקר, וכ"כ בגשה"ח פב"א אות ה' סק"ג דמי שמקפיד ללמוד בכל יום חק ולא יעבור ויש לו צער אם לא ילמוד מותר ללמוד בימי אבלו סדרי חק לישראל. ומוהרא"ש זי"ע היה אומר כן להבחורים דהשיעורים הקבועים אשר המה בכל יום מותר ללמוד אחר מנחה.

8) עי"ש ברמ"א ע"ש הפסוק (איכה ב' י"ז) ביצע אומרתו, ודרשו חז"ל שכביכול קרע לבישו בזמן החורבן מש"ה מסורים הלבוש של הארון קודש, ובכף החיים כ' דבמנחה חוזרין את הפרוכת, ודכמו שלובשין הטלית במנחה, וזה שאין לובשין הטלית בבוקר הו' ג"כ הטעם, משום ביצע אמירתו.

9) טעם עי' בב"י כדאיתא במדרש טעמא שאמר הקב"ה למלאכי השרת בשעת החורבן, מלך בשר ודם כשהוא אבל מהו עושה? א"ל מכבה את הפנסים שלו, אף אני עושה כן, שמש וירח קדרו (יואל ב' י. ד' ט"ו) לבוש כ' עוד טעם עי"ש.



בס״ד
CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND
Stay Connected
WITH PROTEK
TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE
BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA DuraXV
FROM $325
KYOCERA DuraXV EXTREME
FROM $330
HOT!! BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA CADANCE
$300
REG. $350
FREE! YIDDISH KEYPAD STICKERS
TCL FLIP 2
FROM $95
FREE CASE
WONDER PHONE (Waze on car screen)
$399
LETAHER WAZE
$349
TAK PHONE (Waze on car screen)
$275
REG. $330
BLISS B1
$130
FREE! POWER BANK
POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT
$370
FREE! POWER BANK
POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT
$289
UNLOCKED
LG CLASSIC FLIP
$210
REG. $240
MP3
over 40 options available!
call us for advice
PROTEK Catskills
PURE CONNECTIVITY
HOT!!
SAMVIX X9200
$269
Optional: No video playback
SAMVIX X8400
$209
Optional: No video playback
FREE DAILY DELIVERY!
TO ALL BUNGALOW COLONIES & CAMPS
'SAME DAY' FOR ALL ORDERS ORDERED UNTILL 4:00
AKITO PICO-H
$119
SUMMER BUNDLE DEAL!!
SONIM XP3800
with 2 months unlimited service included!
$139
845.999.TALK(8255)
All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# געדאנקען

## נישטא קיין קאלטע סעלצער

צוריק אויפבויען אונזער ליידער חרוב געווארענע בית המקדש איז NO LITTLE TASK.

אבער אז מיר וועלן טון נאך א LITTLE TASK און נאך א LITTLE TASK, וועט דער נייער פייערדיגער בית המקדש שטיין שנעלער ווי איר מיינט.

דער ראש ישיבה האט אמאל געשמועסט מיט די בחורים דא אין היכל ראזענבערג נאך די פינעף אזייגער שיעור, ס'איז געווען עטליכע וואכן צוריק, איידער עס האט זיך אנגעהויבן די סעזאן פון די קרעדיט קארד זומער הייזער.

האט דער ראש ישיבה געזאגט, דאס וואס דו מיינסט אז נאר דער ראש ישיבה ענטפערט מען וואס ער פרעגט דעם אייבערשטן ביי התבודדות און דיר ענטפערט מען נישט, דאס איז נישט ריכטיג.

און דער ראש ישיבה האט זיך באנוצט מיט א שיינע משל.

ווען מען פארט פון בארא פארק צו וויליאמסבורג דורך די הייווע', גייט מען ארויס פון די הייווע' ביי פלאשינג עוועניו.

דארט איז דא א טראפיק לייט, פארשטייט זיך אז אסאך מאל איז די לייט רויט ווען מען קומט דארט אן, דעמאלטס טראכט דער מענטש, פארוואס ביי מיר איז אלעמאל די לייט רויט?!

דאס איז נישט ריכטיג.

יעדער פארשטייט אז ס'איז נישט דא אזא זאך אז "ביי די מענטש איז אלעמאל רויט".

נאר וואזשע דען? ווייל דער מענטש איז יעצט געפארן א דריי פערטל שעה אין א אנגעפיקעוועטע הייווע' מיט א טרעפיק אנשטויס עד לב השמים, ברענגט עס אים אריין אין א MODE פון זיין בייז אויף אלעס וואס מיט טרעפיק א שייכות האט, איז מחמת די קטנות פון די טרעפיק סיטואציע מיינט ער זיין קאר וועט זיך שווין נישט רירן פון ארט פאר די נעקסטע זיבעציג יאר.

זיין הרגשה אז דא וועט זיין רויט לייט פאר זיבעציג יאר איז זירא פאקט נאר הויל הרגשה.

האט דער ראש ישיבה מסביר געווען, די זעלבע זאך איז וואס דער מענטש מיינט אז אים זאגט מען נישט ביי התבודדות וואס צו טון, דער מענטש האט זיך מתבודד געווען, למשל, אויף צוואנציג זאכן, יא דינאלי נישט דינאלי, יא האנדא אדיסי' נישט האנדא האדיסי, יא עס ענד פי 500 נישט עס ענד פי 500,

## איבערלעבענישן,
## אנאליזן און
## געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

און אזוי ווייטער.

יעצט ביים איצטיגן מאמענט דרוקט אים אויפ'ן קאפ איין זאך וואס דער אייבערשטער האט אים נאך נישט געענטפערט, צו ער זאל נעמען פאר א בוקקיפער חיים גערשנבוים אדער זושע קערשנבוים אדער גאר פישל גערשטנקארן.

ווייל עס דרוקט אויף אים די בוקקיפער סומאטאכע מאכט אים עס אים קוקן מיט א קטנות'דיגע בליק אז אים ענטפערט מען "גארנישט" פון זיין התבודדות.

איז דאס דען אמת?

אוודאי איז דאס נישט אמת.

ער האט געמאכט התבודדות אויף וועלכע קאר, און ער האט גענומען א דינאלי און ער איז זייער צופרידן.

ער האט געמאכט התבודדות צו ער זאל גיין אויף שבת צו די נארמאלע געהעריגע חובות'דיגע קרעדיט קארד שמחה אין די משפחה, און ער איז יא געגאנגען און ער איז זייער צופרידן.

ער האט געמאכט התבודדות צו ער זאל זאגן פאר זיין ווייב אז ווייסע גארבידש בעגס און גרינע בענענעס און הארטע אוועקאדאו איז נישט נארמאל און ער האט איר נישט געזאגט און ער איז זייער צופרידן.

ער האט געמאכט התבודדות צו ער זאל זאגן פאר זיין ווייב אז ער איז איר נישט מוחל אז ווען ער האט אויסגעגאסן בטעות פערפל אויפ'ן פלאר ביי טועמיה זיבן יאר צוריק שבת פנחס אין די אלטע קאנטרי האט זי געזאגט מיט ווייטאג אז מען האט יעצט געוואשן די פלאר, בשעת דריי יאר פריער איז זי געווען דער וואס האט אויסגעגאסן בטעות פערפל אויפ'ן פלאר צען יאר צוריק שבת פנחס און פארוואס ווען זי טוט עס טאר איך נישט שרייען אויף איר?!! און נאך התבודדות האט ער עס נישט געזאגט און ער איז ברוך השם צופרידן.

ער האט געמאכט התבודדות צו עס איז נישט קיין בזיון התורה אז אזא תלמיד חכם ווי ער זאל ארויסטראגן די מיסט און למעשה האט ער גע'ריסק'ט די עלבון התורה און יא ארויסגעטראגן די מיסט און ער איז צופרידן.

ער האט געמאכט התבודדות צו ער ארויסבלאזן א גרימצארן פון די נאזלעכער ביים הערן די לעצטע נייעס אז עס איז צום סוף "נישט" דא קיין קאלטע סעלצער ביים שבת סעודה, ער האט איינגעהאלטן די גרימצארן און ער איז צופרידן.

ער האט געמאכט התבודדות צו ער זאל ווערן רויט פאר כעס ביים זען אז ס'איז נישט דא קיין בעבעלעך און רעטעכלעך צו די יאוכעכלע מיט לאקשעכלעך און קניידלעכלעך, ער האט איינגעהאלטן די כעס און ער איז צופרידן.

ער האט געמאכט התבודדות צו ער ארויסבלאזן א גרימצארן פון די נאזלעכער ביים הערן די לעצטע נייעס אז עס איז צום סוף "נישט" דא קיין קאלטע סעלצער ביים שבת סעודה.

זאג נישט אז דער באשעפער ענטפערט נישט דיין התבודדות.

אסאך זאכן ביי דיר איז שוין געווארן געענטפערט וואס דו זאלסט טון, און די זאך וואס דו ווארטס נאך אויף א ענטפער, וועט באלד קומען די ענטפער.

און טראכט נישט, האט דער ראש ישיבה דעמאלטס געזאגט, אז ביי דער ראש ישיבה איז נישט דא קיין זאכן וואס איז נאך נישט געווארן געענטפערט פון הימל ווי זיך צו פירן, ס'איז דא זאכן וואס נעמט צייט.

אבער צו טראכטן אז מיר ענטפערט נישט "קיינמאל" דער אייבערשטער ווען איך פרעג וואס איך זאל טון, דאס איז נישט ריכטיג געזאגט.

און די זעלבע זאך מיט זאגן משניות.

מענטשן פרעגן פארוואס מיך נעמט די משניות נישט ארויס פון משוגעת׳ן?

דאס איז נישט ריכטיג.

אסאך משוגעת׳ן איז שוין ארויס פון דיר דורך די הייליגע עצה פון זאגן משניות.

אסאך נערוון צושפילעריי און כעס אויסברוך׳ן איז שוין ארויס פון דיר דורך די הייליגע עצה פון זאגן משניות.

דאס וואס דו זעעסט אז דו האסט דיך אויפגערעגט נעכטן טראץ דו האסט שוין אזוי סאך משניות געזאגט, נישט קשה, א מענטש איז נישט פערפעקט, מען פרובירט די בעסטע, אבער זאג נישט ביי מיר העלפט נישט די משניות בכלל.

מיט דעם וועלן מיר פרובירן פארענטפערן די קושיא מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן.

ווי אזוי וועלן מיר קענען אויפבויען די נייע פייערדיגע בית המקדש.

גיי קוק די הונדערט שטאקיגע פרידעם טאוער אין מאנהעטן, ווען מען האט דאס געבויעט, האט דארט געארבעט צען טויזנט מענטשן, קיינער האט עס נישט געבויעט, יעדער האט עס געבויעט, קיינער האט עס נישט געבויעט אליין, אלע האבן עס געבויעט בענעזאם, קיינער האט נישט געבויעט די גאנצע, יעדער האט געבויעט א שטיקל.

מיר אלע וועלן בויען א קליינטשיג שטיקעלע בית המקדש, מיר אלע וועלן קושן די הייליגע מזוזה, מיר אלע וועלן זאגן א קאפיטל תהלים, מיר אלע וועלן לייגן א פעני אין די הייליגע פושקע.



# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו

וזוגתו באשא תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה שרגא שטראססער הי"ו

וזוגתו מלכה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה משה גאטליב הי"ו

וזוגתו גיטל תחי'

### צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו

וזוגתו סימא תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

loop PLUMBING
Reliable plumbing solutions
917.202.1206

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו
פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר
שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בירנבוים**

**347-549-5625**









## פריוואטע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פאר שבתים,
אדער פאר די צווייטע העלף זומער.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917-501-5100**

## מוזיק

עס ווערט געזוכט א נדבן פאר מוזיקאלישע
עקוויפמענט פאר בית מדרשינו ד'האשקי,
ביטע זיך מעלדן צו די גבאים.

## Phone services

We offer quality phone sales and expert
repair services!
We also specialize in camera repairs.

**רופט יודל פעלדמאן**

**845-538-1114**

# א בליק צוריק

## טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



### בילד פון פאריגע וואך:



דער ראש ישיבה שליט"א ביים רעקארדירן א פרישן ניגון מיט די בחורים צווישן די ביימער, שנת תשע"ד.

# געשטעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





די געטרייע וואלונטירן ביים ארבעטן פאר די נייע עירוב אין די ווילידזש געגנט אין שטעטל - ג' מטות מסעי






אסיפה מיט די כולל אינגעלייט אין שטעטל אין בעפארגרייטונג צום היי יעריגן 'לעבענסגעשיכטע' אנשי חיל קאמפיין - ד' מטות מסעי









**אויספלוג פאר די קינדער פון תלמוד תורה בית שמש פארן דאווענען געשמאק - ב' מטות מסעי**




ווייטערדיגע פארשריט ביי די נייע בנין אין אומאן - ד' מטות מסעי





די מנהלי המוסדות בארץ הקודש ביים אינטערשרייבן זיך אנצושליסן אין מוסד 'קרן הצלה' ביי די רבנים פון די עדה החרדית אין ירושלים - ג' מטות מסעי







די קינדער אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש ביים העלפן רייניגן די חדר - ה' פנחס



סיום מסכת ברכות פון הילד שלום ווערטהיימער ני"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק פנחס




ביים עסן פרישטאג מיט די בחורים אין ישיבה - ד' מטות מסעי





הנחת תפילין פון הבחור אליעזר ני"ו בן מו"ה יצחק ראטה הי"ו ביי הרה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א אין יבנאל - א' מטות מסעי






סיום מסכת ברכות פון הילד אשר יעקב בלום ני"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק מטות מסעי





סיום משניות סדר נשים פון הילד ישראל ראובן בלום ני"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק מטות מסעי



אין א שמועס נאך הבדלה אין ביהמ"ד אין שטעטל - מוצש"ק מטות מסעי



ווייטערדיגע פארשריט ביי די נייע בנין אין אומאן - עש"ק מטות מסעי




# געטראפן א פיינע פרנסה און היינט גיב איך שרייבן א פרנס החודש

ליידער סימפל!

## סגולת מוהרא״ש

$500

פארן **קרן הדפסה** און אלע טויערן עפענען זיך

אדרבה

פרובירט עס אליינס
אויס פאר ס״י
וועלעכע ישועה
אדער צו די צייט
פון א שמחה
אדער יארצייט זייט
מנדב א סכום הגון
פארן קרן הדפסה.

רופט שוין דעם גבאי

347.
578.
4449

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז״ל ותלמידיו הקדושים בעולם

*sruliHeskel

בס"ד
פרשת דברים
אויסגאבע # 27

# אינדערהיים



## תשעה באב אין היכל הקודש

ש. טראכטער

**ברענד נעים באמבע**
ל. וועבערמאן

**א גרויסע מאמע**
ג. פעקעטע

**קידושין רינגל**
מעשה פון תפילה

**קוק צו מיר**
מ. פעדער

# אינהאלט



12



15

**בס"ד**
דברים
תשפ"ו
**נומער 27**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

Inderheim@bletelmagazine.com
Kinderheim@bletelmagazine.com

קול ברסלב:

**212.444.9191**

אידיש שטוב:

**212.444.9169**

ל. וועבערמאן

# ברענד נעים באמבע



"גיב מיר עפעס אזא תורה וגדולה זאך," האט חנטשע זיך האלב געווערטלט, אבער אמת'דיג געמיינט.

דער טעלעפאנישער שמועס מיט שיינדל די שדכנ'טע איז פארגעקומען נאך חצות האלב נאכט, זיצנדיג אויפ'ן סאפע נאך א לאנגע אויסגעמוטשעטע טאג. דאס איז די איינציגסטע צייט וואס חנטשע קען טרעפן די שטילע מינוט, נאך וואס די גרויסע האבן שוין אויך פארמאכט אן אויג. די קליינע זענען שוין געווען צוריק אויף, צוריק בארואיגט, און שוין.

נאך אזא טאג גייט די שמועס צו מיט א געלונגענע וויץ ביי יעדע צווייטע זאץ, אבער לאכן לאכט זי סיווי, נישט קיין חילוק צו איר וויץ איז געלונגען צו נישט.

ווער רעדט נאך אז איר יוגנט חבר'טע שיינדל די באשיידענע איז אויסגעוואקסן שיינדל די גרויסע שדכנ'טע.

חנטשע וויל באמת אזא גוטע נאמען פאר איר געראטענע טאכטער, אבער וואו טרעפט מען אזא זאך אז יענער זאל מיר וועלן און איך זאל אים נאך צוריק וועלן!

"שיינדל, נו, גיב מיר שוין עפעס א נאמען וואס וועט קלינגען. די אלע פריערדיגע נעמען וואס האסט מיר געגעבן זיצן אזוי שיין אויף מיין ליסטע, אבער עפעס ס'רעדט נישט, ס'טאנצט נישט, ס'קלינגט נישט.

פארשטייסט שיינדל, ס'דארף זיין א באמבע וואס ווען ס'וועט אויפקראכן וועט יעדער זיך צוזאמלויפן, און ווער ווייסט, אפשר וועט דיר צוקלינגען די סיירין."

די חבר'טעס האבן זיך נאכאמאל צולאכט, אבער נישט געקענט קומען

<

צו תכלית.

"ווייסט וואס?" קומט שיינדל פרייער צו ווערן עקסייטעט, "איך האב פאר דיר א בחור א טשאטשקע, ממש יעצט ארויף אויפ'ן מארקעט. די שטוב איז תורה וגדולה, ממש וואס דו חלומ'סט, ברוחניות ובגשמיות, ביידע אויפ'ן העכסטן סטאנדארד."

"דו מיינסט משפחת לערנער פון די גאס וואו מ'מאכט דארט א רעכטס און מ'דרייט זיך איין?" האט די חנטשע'ס געלעכטער נאכאמאל צושפילט.

"ס'איז א גוטע וויץ, אבער לויט ווי דו לייגסט אראפ די שיינקייט פון די משפחה, וואלט איך געטראכט אז דו רעדסט פון זייערע שכנים, משפחת רייכמאן." דארט שפרודלט תורה בגדולתו, און די גדולה, די געלט דארט, איז ווי מיין אמת'ע חלום. ס'איז באקאנט פאר יעדן.

"קוק אהער," פרובירט שיינדל זיך צו הערן אביסל מער לאגיש, "אין די היינטיגע נאכט איז מיר געבליבן גאנץ ווייניג צייט פאר חלומות, אבער לאמיר עס צונעמען בהקיץ. משפחת רייכמאן ווערט געשאצט אויף א מיליאן דאלער, יא? די גדולה שטימט, ס'איז געקאווערט. יעצט, די תורה חלק האט ער א שיעור יעדע נאכט מיט נאך א תורה-גדולה חבר. עס פאסירט איינמאל א וואך אז ביידע חברותות זענען אוועילעבל.

די איינמאל א וואך איז נאר מענטשליך צו אפגעבן איינער פאר'ן אנדערן אלע מזל טוב וואונטשן פאר די פילע איווענטס וואס דער צווייטער האט געפראוועט די פארגאנגענע וואך.

ביים סוף חברותא שעה איז מען זוכה צו אויפמישן די גמרא און זען אז מ'האלט ביי די זעלבע שורה פון פאריגע וואך, האפנדיג אז נעקסט טיים וועט מען זיך אביסל פאראויסרוקן. "יעצט, זאג דו מיר," האט שיינדל צוגעענדיגט מיט א מאטעמאטיק לעקציע, "קען די כמו חברותא קאווערן די חלק התורה?"

אפילו אין די שפעטע שעה פארשטייט חנטשע די מאטעמאטיק פון איינס פלאס איינס, אז די סך הכל פון משפחת רייכמאן איז נישט תורה וגדולה. אבער זי פארשטייט נאך נישט פארוואס משפחת לערנער, וואס דער טאטע זיצט יומם ולילה ביי די גמרא, פארוואס רופט עס שיינדל תורה וגדולה. די געלט איז ביי זיי א באזייטיגטע נושא, קליידער פון קאזינס איז אן אפטע ערשיינונג, רענאווירן די אויסגענוצטע הויז איז נאך קיינמאל געקומען אין באטראכט.

כאטש שיינדל איז נישט קיין מאטעמאטיק לערערין אין שולע, דאך לערנט זי די סובדזשעקט אלס שדכנ'טע. "רעכן צוזאם די לערנער חלק פון משפחת לערנער, גאנצע טעג ביי די גמרא, אסאך געבט מען אוועק פאר תורה. דאס איז זיכער אז די תורה חלק איז געקאווערט. יעצט די גדולה חלק קען מען רואיג צוזאמשטעלן דורך סעקשאן 8, מעדיקעיד, פוד סטעמפס, וויק, און די באקסעס. לויט די חשבון קען מען זיכער רעכענען משפחת לערנער אלס תורה-גדולה, ענדערש ווי משפחת רייכמאן.

שכח אייבערשטער אז איינער אין היכל הקודש וואס הערט שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א קען מען שוין נישט פארנארן מיט ברענד נעים שידוכים. מ'ווייסט שוין אויף וועלכע זאכן צו קוקן ביי א שידוך. מ'קוקט צו די בחורים און מיידל וועלן קענען בויען א שטוב, וואו דער אייבערשטער וועט קענען רוען צווישן זיי.

לאמיר האפן אז חנטשע האט ערגעץ וואו געטראפן א קארטל מיט די האטליין נאמבער, און געהערט אביסל שכל וויאזוי צו טרעפן א שידוך פאר איר זון.





ג. פעקעטע

# אַ גרויסע מאמע

אראפגעברענגט א שטיקל פון דבורי'ס diary טאג-בוך:

**זונטאג, ב' טבת, ס"א:**

"דו זעסט אויס ווי אן עכטע גרויסע מאמע," צעשמייכלט זיך מיין פרישער מאן פון דריי חדשים, בשעת מיינע הענט דרייען זיך ארום די הייליגע שבת ליכט צו אויפנעמען די שבת המלכה.

ער האט עס נישט געקענט זאגן אין א בעסערע מינוט, ווייל מיינע הענט זענען אראפגעפאלן אויף מיינע אויגן, און איך האב אויסגעבראכן אין א יאמערליך געוויין.

ווי קומט עס צו מיר מיין מאן זאל מיך אזוי צו פארשעמען?

דערווארט איז געווען ממש גוט געצילט. איך ווייס נישט צו ער האט מיטגעהאלטן מיין טאג היינט, ווי איך האב זיך געמוטשעט מיט מיינע קליידער. איך האב אנגעטאן איין שבת קלייד נאכ'ן צווייטן, און קיין איין זיפער האט זיך נישט צוגעמאכט אויף מיר. עס איז געווען זייער א גרויסע ווייטאג. איך האלט דאך נאר צוויי חדשים נאך מיין חתונה. אמת, ס'איז צוויי פריילעכע חדשים, צוויי גליקליכע חדשים, צוויי חדשים פון late night honeymoon parties (לעיט נייט האנימון פארטיס) אבער פארוואס דארף ער זאגן אזוי אפען, אזוי הויעך, די וואג וואס איך האב צוגעלייגט?

ממש פריער האב איך זיך געשטעלט אויפ'ן סקעיל זיך אפצואוועגן, און ווי אנטוישט בין איך געווען צו זען אז מיין וואג איז ארויף מיט דרייסיג פונט. שטעלט אייך פאר דרייסיג פריילעכע פארטי פונט, זעקס פעקלעך צוקער האב איך אריינגעלייגט אין מיר

בשעת אונזער פארטיס וואס מיר פארברענגען אזוי געשמאק יעדע נאכט, ווי מיר באקענען זיך אלץ מער, נענטער, און בעסער.

עס האט זייער געציפט די גרויסע שטער וואס מיין מאן האט מיר געזאגט. איך האב עס זייער גענומען צום הארצן און עס גלאזט דארט זיצן. 'זאל מיין מאן מיינען טאקע אז איך בין אזא צדיקת און איך בעט שוין אויף אונזערע דורות, און אויף אונזער עתיד' האב איך געטראכט צו זיך בשעת'ן אראפנעמען מיין הענט פון די אויגן און ארויסשטאמלען א הייזעריגע גוט שבת.

**דינסטאג נאכט, יב אייר, ס"ב:**

עס איז פארלאפן א יאר אנדערטהאלב, און מיר זענען געשאנקען געווארן מיט א מתנה, א ניי-געבוירענע יונגל בעיבי, למזל טוב.

די שמחה איז געווען זייער גרויס. מיר האבן אנגענומען אלע וואונטשן און מיט אן אמת געענטפערט אמן צו אלע ברכות. נאך די פאר וואכן קומפאט, טרעפן מיר זיך אינדערהיים מיט אונזער טייערע צדיק'ל.

די ערשטע נאכט איז געווען שווער. דאס קינד האט געוויינט, און איך האב נישט געקענט זיך אן עצה געבן מיט אים. אזוי איז געלאפן די נעקסטע פאר טעג און נעכט, און פון גרויס מידקייט האב איך שוין נישט געוואוסט וואו מ'האלט אינעם וואך.

עס איז פארלאפן געגאנגען טעג און נעכט מיט מידע קלעבעדיגע אויגן וואס איך האב זיך אפגעגעבן מיט מיין פיצי צדיק.

בשעת'ן וויגן די קינד צום טויזנטסטן מאל אין די זעלבע נאכט ער זאל זיך צוריק איינשלעפן, האט זיך מיין מאן אויפגעזעצט אין בעט און צוגעקוקט די סצענע. ער באוואונדערט עס, און ער זאגט מיר ווי שיין איך געב זיך אפ מיט אונזער פיצל, און פון וואו איך נעם די כוחות יעדע מאל פון פריש זיך ארויסצושלעפן פון בעט און זיך אפגעבן מיט דאס קינד, ווי כאילו ס'איז די ערשטע מאל ער וויינט יעצט.

ער ענדיגט צו: "ביסט ממש ווי א גרויסע מאמע שוין".

דאס איז געווען איבערן שטריק.

איך האב געלאזט דאס קינד וויינען, און איך האב זיך ארויפגעווארפן אויפ'ן קישן מיטוויינענדיג מיט אים. עס איז מיר נאך געזעצן אויפ'ן הארצן אין שנה ראשונה, קוים א יאר צוריק, ווען מיין מאן האט מיר געפליקט אז איך זע אויס אזוי גרויס ווי אן עכטע מאמע, און יעצט ווידער, אין מיין שוואכסטע מינוט, דארף ער מיר זאגן איך זע אויס ווי א גרויסע מאמע וואס קען שוין זיך אן עצה געבן מיט א קליין קינד??!!

עס איז מיר אריינגעקומען אין מחשבה מיין שוויגער, אמת טאקע זייער חשוב, געטריי און הארציג, אבער מיין שוויגער איז א גרויסע פרוי, גרויס געבויט. 'פארוואס דארף מיר מיין מאן האלטן אין איין דערמאנען ווי גרויס איך בין? פארוואס האלט ער אין איין זאגן דיווארט וואס איך גלייך נישט צו הערן?? וועלכע פרוי וויל ווערן אנגערופן א גרויסע פרוי?'

עס האט מיר זייער געבאדערט, די מידיגקייט, די שוואכקייט און די אנגעשטרענגטקייט פון די לעצטע פאר וואכן פון זיך פרובירן אן עצה געבן מיט א פיצל קינד, האבן זיך אלע צוזאמגעשטעלט אין א גרויסע טארנעידא, און איך האב אנגעהויבן שטורעמען און שרייען פון גרויס ווייטאג און פיין.

מיין מאן האט נישט געקענט פארשטיין וואס דא האט פאסירט.

וויפיל ער האט פרובירט צו פרעגן, "וואס איז געשען? וואס גייט פאר? וואס קען איך דיר גרינגער מאכן?" איז נאר ערגער געווארן דער מצב. איך האב אים נישט געקענט ענטפערן ווי טיף ער האט מיר יעצט ווי געטון.

און אזוי בין איך אריינגעגאנגען אין א שטיקל בלאזעריי פאר די נעקסטע פאר טעג. ווען וועט ער שוין פארשטיין אז מ'רעדט נישט אזוי צו א ווייב? ווען וועט ער מיך אויפהערן זאגן ווי גרויס איך קוק אויס? נאך אין אזעלכע וואלנעראבל אומשטענדן?

דער לעבן ציט זיך ווייטער. דבורי שרייבט ווייטער:

ביי די אפשערן פון אונזער צדיק'ל, האט זיך ווידער מיין מאן געדארפט אנרופן, "ער איז אזא גרויסע יונגל שוין, דאס מאכט אונז פאר עכטע גרויסע עלטערן."

ווידער אמאל האט עס מיר ארויפגעברענגט אין קאפ ווי מיין מאן האט מיר געזאגט, נאך אין שנה ראשונה, אז איך בין א גרויסע מאמע, און אלס קימפעטארן אז איך בין שוין באמת א גרויסע מאמע, און יעצט ביים אפשערן זאגט ער עס ווידער אמאל.  איך קען עס נישט דערהייבן!

איך האב אים געגעבן א שטיקל פון מיין מוח. איך האב אים געלאזט הערן ווי נישט סענסיטיוו ער איז, און ווי ער האלט מיך אין איין פליקן און פארשעמען. איך האב אים שוין מיטגעווארפן וויפיל מאל ער האט עס שוין געזאגט דורכאויס די יארן, און געבעטן ער זאל אויפהערן מיך פארשעמען, ווייל איך קען עס מער

נישט פארנעמען.

ער האט מיך אנגעקוקט מיט צוויי לעמעלע אויגן, ווי ער פארשטייט בכלל נישט וואס איך זאג, וואס מיין פיין איז, אדער וואס ער האט שלעכט געטון.

דאס האט נאר ערגער געמאכט דעם מצב, און די גאנצע וועג צום חדר פירן האט געבלאזן א קאלטע ווינט צווישן אונז.

א רחמנות אויפ'ן יונגל! אבער וואס זאל איך טון, האב איך געקלערט צו זיך, אז זיין טאטע איז אזוי נישט סענסיטיוו, וועט ער אויך דארפן ליידן דערפון. איך האב זיך נישט געקענט שטארקן אדער באהערשן.

די קינדער זענען אונטערגעקומען איינס נאכ'ן אנדערן. די יארן זענען געלאפן.

ביי די פלעי פון אונזער עלטסטע טאכטער, ווי זי האט אויפגעשפילט איר סידור שפיל, איז ווידערגעקומען עפעס א ווארט ווי גרויס זי איז שוין, און ווי דאס מאכט מיר פאר א גרויסע מאמע.

יעדע מאל מיין מאן האט דאס געזאגט, איז מיר אריינגעשווימען די בילד פון מיין גרויסע שוויגער אין מח, און די גאנצע אלטע צוקנייטשטע דורך געוויינטע ליסטע פון יעדעס מאל וואס מיין מאן האט זיך שוין אנגערופן אזא קאמענט האט מיטגעשווימען אין מח.

צומאל האב איך זיך איינגעהאלטן, אבער מערערע מאל האב איך אים געדארפט צוריקזאגן אז ער איז אזוי נישט סענסיטיוו צו מיינע פילינגס, ער האלט מיך אין איין פליקן און פארשעמען, און דאס גייט שוין אן נאך פון שנה ראשונה.

די ערשטע מאל איך האב געבאקן חלות, איז דאך אפגערעדט אז ס'איז געקומען עפעס א ביטער-סוויט ווארט ווי גרויס איך בין שוין אז איך באק שוין חלות.

די ערשטע מאל מיר האבן געמאכט א סוכה, איז דאך ווודאי מיטגעקומען די גרויסקייט דערפון, און ביי די סדר נאכט וואס מיר האבן אליין געפירט מיט א שטוב פון פיר קליינע קינדער, איז דאך זיכער אוודאי די געשפרעך געווען נאר ווי גרויס מיר זענען שוין, אז מיר האלטן שוין ביי דעם מצב אז מ'מאכט אן אייגענע סדר טיש.

ביים בר מצוה מאכן, טעלער-ברעכן, באבע-ווערן, אייניקל האלטן און שענקן.... איז אלעמאל ארויפגעקומען די אלטע טיפע ווייטאג פון מיין הארצלאזער מאן וואס דארף זיך אנרופן דאס גרויסקייט פונעם מאמענטישע מינוט! און אוודאי לאז איך אים הערן די ווייטאג דעריין וואס פארציט זיך יעדעס מאל אין א לענגערע קאלט-קריג....

די אלע ווערטער האבן מיך אריינגעווארפן אין א גרויסע קטנות, צמצום, און ברוגז. יעדע מאל בין איך פון פריש געווארן באליידיגט, זיך דערמאנט אין די פאריגע געשעענישן, ווען מיין מאן האט מיר אויך געדארפט אריינזאגן און אריינפליקן בשעת אונזערע שענסטע מינוטן, 'ווי גרויס איך בין שוין' און ווי שטארק עס האט מיר וויי געטון.

אמאל האב איך ריעקטעד פשוט מיט א קאלטע בליק, און רוב פעלער אבער איז עס געווען מיט טייכן טרערן און הויעכע פארווייטאגטע באשילדיגונג געשרייען.

יעדע מאל איז מיטגעקומען די ליסטע פון וויפיל מאל דו האסט מיר שוין דאס געזאגט דווקא צו פליקן. זייט אונזער חתונה לייד איך פון דיין אינסענסיטיוויטי....

"וועק זיך אויף, גרויסע מאמעלע, פון דיין טיפע שלאף."

" ווי לאנג נאך וועסטו אנהאלטן צו די אלטע קוגל וואס איז שוין לאנג פארשימלט אין די בעקעלע אין פרידזש?? נעם דיינע אלטע מעשיות, די פארשימלטע עסן, און ווארף עס ארויס!! וואס האסטו פון דעם אז דו כאפסט עס אזוי שטארק אן? יעדע מאל דו עפנסט אויף דיין פרידזש, דארפסטו ליידן פון די שווערע גערוך פון די אלטע, פארשימלטע עסן וואס זאמלען זיך אן דארט", האט דער ראש ישיבה געזאגט ביי די פרויען שיעור.

"ווארף אוועק אלע אלטע מעשיות! נאר דו ביסט דער וואס ליידסט דערפון. דיין מאן האט גארנישט געמיינט, ער האט געזאגט א ווארט, לאז עס לויפן".

מוהרא"ש זאגט, אז זיין סענסיטיוו איז נערוון, פונקט ווי סיי וועלכע אנדערע נערוון. נעם נישט אזוי צום הארצן יעדע ווארט וואס דיין מאן האט געזאגט, נאר גלייב אז דער אייבערשטער מאכט אלעס, און אלעס איז פאר דיין טובה.

און אויב איינער האט דיר יא געזאגט א ווארט, ווארף עס אוועק, פארגעס און פארגעב. דו וועסט שפירן לייכטער; און וועסט ווערן באמת א גרויסע פרוי. ערוואקסן, מעטשור, און גרייט צו האבן א זיסע לעבן, אן ארויפברענגען נאכאמאל און נאכאמאל די אלטע מעשים וואס געבן נישט צו קיין שום זיסקייט אדער טעם אין לעבן, נאר פונקט פארקערט; עס וועגט דיך אראפ און מאכט דיך פאר אן איינגעקנייטשטע, אלטע, צעבראכענע פרוי.

# Sesame salmon fillet over garlic angel hair:

S. LEVY

A delicious dish perfect for nine days supper or all year round.

Sesame Salmon:

## INGREDIENTS

3 slices salmon fillet
1 Cup duck sauce
1 tbsp brown sugar
1 tbsp ketchup
1 tsp soy sauce
1 tbsp sesame seeds

## DIRECTIONS

Combine all ingredients in lined baking pan (or pot) and bring to boil. Add salmon slices and cook on low for 20-25 min.
Then bake at 350 for 15-20 min. The extra steps of cooking and baking the salmon creates a super soft delicious texture.

---

Garlic Angel Hair:

## INGREDIENTS

7 oz angel hair (cooked and drained)
1/8- 1/4 cup oil for sauteing
4 cloves crushed garlic
1/2- 1 tsp salt
dash of parsley flakes

## DIRECTIONS

Saute pasta in oil with garlic and salt until golden, mix well.
Sprinkle parsley flakes when done.



**וואס איז געווען איז געווען.**

דער הייליגער רבי זאגט אונז: ״ווען מען וויינט אויפן חורבן וויינט מען נישט אויף וואס איז געווען, מען וויינט אויף די אייגענע יעצטיגע חורבן.״

לאמיר טאקע טון צו דער זאך, אויפבויען אונזער בית המקדש מְעַט. צושטעלן עסן פאר די מאן און קינדער. און בזכות דעם זוכה זיין ארויסצוגיין פונעם גרויסן גלות.

ש. טראכטער



# תשעה באב אין היכל הקודש

זלמן האט זיך פאראהאנקעט מיט'ן געזעץ. ער האט געדרייט אביסל אין ביזנעס, אביסל אהער און אביסל אהין... און "אביסל מיט אביסל פילט אן דעם גאנצן שיסל".

ווי עס איז פאר אלעמען באקאנט, לויט די אמעריקאנער פארשריפטן איז א גרעסערע עבירה צו שווינדלען מיט א פאר דאלער ווי צו ערמאָרדן א מענטש, און ליידער האט זיך זלמן געפונען הינטער די גראטעס פון תפיסה.

עס איז ווייט נישט געווען קיין גרינגע פרשה, נישט פאר אים און אוודאי נישט פאר זיין ווייב און קינדער. די גאנצע איבערגאנג איז געווען באגלייט מיט אסאך ווייטאג, בושה, צער און איינזאמקייט.

זלמן האט באקומען אכצן חדשים תפיסה. ער האט זיך פרובירט צו מחזק זיין מיט אמונה, און זיין ווייב האט זיך אויך פרובירט צו דערהאלטן און מוטיגן. עס זענען געווען טעג און עס זענען געווען טעג; עס זענען געווען טעג פון אמונה און ליכטיגקייט, און טעג פון יאוש און חשכות. אבער די ליכטיגקייט האט מען דערזען ערגעץ פונדערווייטנס. מען האט געוואוסט אז אין אכצן, זיבעצן, זעכצן.... צען... ניין.... פיר חדשים ארום קומט זלמן אהיים, און אט אט וועט דער סדר היום צוריקגיין צו וויאזוי עס איז געווען פריער.

...

חני, א מאמע פון פינף ליכטיגע קינדערלעך, איז אויך אין תפיסה. זי זיצט נעבעך פארשפארט אונטער שווערע גראטעס אן וויסן דעם דאטום ווען זי וועט פריי ווערן. ווען זי זאל ווען וויסן אז די פרשה וועט געדויערן כך וכך צייט, וואלט עס געוויס געווען פיל פיל גרינגער. וויאזוי פירט זיך די ווירטשאפט מיט א מאמע אין תפיסה?

ניין, זי איז נישט אונטער פיזישע גראטעס, נאר אונטער אומזעעבארע, אייגענע, פארשקלאפטע גראטעס. אבער אטעמט נישט אפ, טייערע חבר'טע, ווייל עס איז שווערער ווי איר מיינט. ווען א מענטש איז אין א פיזישע תפיסה, ווייסט ער כאטש זיין באפרייאונגס דאטום; אבער ווען א מענטש איז געפאנגען ביי זיך אליין, אין זיין אייגענעם מח, וויאזוי זעט מען זיך פריי?

צי פארשטייט איינער דעם צער, דעם ווייטאג, די איינזאמקייט, און די שווערע יסורים פאר איר און פאר אירע ארומיגע, וואס איר תפיסה-אורטייל - איר אייגענעם אורטייל - פארשאפט?

צי פארשטייט איינער וואס עס מיינט צו לעבן אין כסדר'דיגע זארג, פחד, שולד, קאמפלעקסן און געפילן פון ווערדלאזקייט? צי פארשטייט איינער אז עס זענען פאראן זאכן וואס 'הענדיקעפן' א אידישע מאמע?

עס האט דאך נישט קיין שום שכל! וויאזוי קען איך דאס מסביר זיין, אפילו פאר מיין טערעפיסט? (וואס וועט מיר טאקע וועלידיטען ווייל זי דארף מיין געלט, אבער לאכן און דרייען מיט'ן פינגער אויפ'ן קאפ ווען איך גיי ארויס).

קען מען דען אויסשמועסן מיט א צווייטן אז איך קען נישט רעדן מיט א מענטש אדער גיין אין גאס, ווייל מיין מח טראכט נאר וואס יענער טראכט אז איך טראכט? און אז עס דאכט זיך מיר אז יענער האט זיך געווינקען מיט א דריטן, און זיי האבן זיכער געלאכט פון מיר?

קען איך מסביר זיין פאר א מענטש, אז יעדע מאל נאכדעם וואס איך לייג אראפ דעם טעלעפאן, טראכט איך אז יענער האלט אז איך רעד ממש נישט צום זאך?

וויאזוי זאל איך דיר געבן צו פארשטיין, אז אפילו ווען מיין טאכטער זאגט א קריטיק אויף מיר, צושאקלט עס מיר? וואס זאל איך טון, און צי וועסטו מיר פארשטיין אז איך לעב אונטער דרוק, פחד, און זארג פונעם מארגן און שולד פונעם נעכטן?

> קען איך מסביר זיין פאר א מענטש, אז יעדע מאל נאכדעם וואס איך לייג אראפ דעם טעלעפאן, טראכט איך אז יענער האלט אז איך רעד ממש נישט צום זאך?

ניין, איינער וואס איז פריי קען דאס נישט פארשטיין.

אבער איינער פארשטייט אונז יא. דער הייליגער רבי' האט אן עצה אונז ארויסצושלעפן פון תפיסה. אט שטייען מיר פאר תשעה באב, א טאג וואס אלע אידן טרויערן. תשעה באב איז דער טאג וואס אלע וויינען, קלאגן, בענקען און ווארטן אז משיח זאל שוין קומען און אונז אלע אויסלייזן.

זייט מיר זענען קליינע קינדער ווייסן מיר אז ווען משיח וועט קומען, וועט מער נישט זיין קיין צרות. ווען משיח וועט קומען וועט אונז אלע זיין גוט. צו ווייסט איר אבער פארוואס עס וועט אונז זיין אזוי גוט? ווייל מיר וועלן געדענקען און לעבן מיט אין עוד מלבדו.

ווען איך בין מקורב געווארן האט מיר זייער געוואונדערט פארוואס מען הערט נישט אין ברסלב די בענקעניש, דאס אויסווארטן, און דעם "אני מאמין בביאת המשיח" אזויווי איך בין געווען געוואוינט. עס האט מיר אויסגעזען כאילו אין ברסלב איז מען שוין אביסל אין א בחינה פון אויסגעלייזט.

דער הייליגער רבי' זאגט אונז, אז ווען מען זאגט מגילת איכה זאל מען דאס אויסטייטשן אויף זיך אליין. "על היכלי" - אויף מיין היכל; איך וויין און איך קלאג אויף דעם וואס מיין מח איז צובראכן. מיין בית המקדש, מיין מח, איז פארברענט; איך טראכט נישט פונעם אייבערשטן, איך פארגעס פונעם אייבערשטן.

אין אנהייב האט מיר געוואונדערט דער פשט דערויף, אבער היינט וואונדער איך זיך אויף וואס איך האב זיך געוואונדערט. וואס איז ביאת המשיח? וואס איז דער "יום שכולו טוב" וואס ווארט אונז אפ ווען משיח וועט קומען? וואס וועט משיח לערנען פאר די וועלט?

משיח וועט לערנען פאר אלע אידן דעם רבי'נס עצות, דעם רבי'נס שכל. לעבן מיט'ן אייבערשטן, התבודדות - דאס איז חירות, דאס איז גאולה. עס איז נישטא נאך אזא פרייהייט און אזא אויסגעלייזטקייט ווי דאס וואס מיר קענען אויסרעדן און אויסשמועסן און אויסגיסן דאס הארץ - "שפכי כמים לבך" - פאר'ן אייבערשטן.

אוודאי ווארטן מיר אלע אויף די

הייליגע עבודה אין בית המקדש, אבער די התגלות השכינה, דעם לויטערן אור הגנוז, דאס גיט אונז שוין דער רבי דא אין גלות.

דער רבי גיט אונז א באפרייאונג פון אונזער תפיסה, פון אונזער רוחניות'דיגע און נפשיות'דיגע געפענגעניש. יא, עס איז דא א וועג ארויס.

איינער האט מיר געפרעגט איין טאג אויב איך האלט באמת אז ברסלב איז "די זאך..." ווער זאגט?

איך ווייס נישט. איך האב נישט



שטודירט אלע חסידות'ן און אלע וועגן. איך וויל נאר פרעגן איין זאך: איז דא א מענטש אויף דער וועלט וואס קען זאגן "איך האב געפאלגט די עצות באמת, טאקע אן חכמות, איך בין געגאנגען התבודדות א יאר צייט, און איך שפיר אז דאס איז נישט דער וועג"?

עס איז נישט במציאות אזא זאך. דער רבי געבט אונז "אייבערשטער!" יא, אלע זאגן אז זיי ווייסן עס אבער אז מען פאלגט די עצות איז מען זוכה צו לעבן דערמיט...

דער רבי נעמט אונז פשוט'ע מענטשן און הייבט אונז אויף צו די מדריגות פון צדיקים קדמונים. אז א מענטש איז זוכה מיט אסאך תפילה אויסצופירן די עצות און זיי אריינפלעכטן אין זיין טאג-טעגליכן לעבן, וועט ער ביז א קורצע צייט זיין "פריי!" באמת פריי...

פון וואו קומען פחדים? ענקזייעטי? זארג? קאמפלעקסן? איבערטראכטן? קנאה? שנאה? און אלע מדות רעות? נאר פון א חסרון אין אמונה; ווייל מיר פארגעסן אז דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט, און קיינער קען מיר גארנישט טון און קיינער קען מיר נישט העלפן.

מיר דארפן בעטן אסאך תפילות צום אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין צו קענען מאכן עטליכע מינוט התבודדות א טאג. דער יצר הרע ווייסט אויך דעם סוד הגאולה; ער ווייסט זייער גוט צו וואס א מענטש קען צוקומען ווען מען איז זיך מתבודד און מען שמועסט אויס דאס הארץ מיט'ן אייבערשטן. דעריבער מאכט ער א מיליאן סיבות דיר מסביר צו זיין פארוואס "יעצט" איז נישט די ריכטיגע מינוט.

ווי דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז כסדר, א טאג האט דאך 1440 מינוט... עס זענען דא אזויפיל מינוטן פאר אזויפיל שטותים, נארישקייטן, זינלאזע דעבאטעס, שמועסן, מחלוקת, "מי-טיים" און וואס נישט... אבער די איין, צוויי אדער דריי מינוט צו רעדן צום אייבערשטן גייט שווערער ווי שלעפן א פעקל ציגל. "איך האב פשוט נישט קיין מינוט פאר התבודדות."

אבער דער ראש ישיבה לערנט אונז אז מען קען מאכן די מינוט התבודדות אפילו מיט די בעזעם אין האנט, בשעת מען לייגט צוזאם די וועש... ווען מען ליגט שוין אין בעט, אדער ווען מען פיטערט דאס קינד... נישט קיין חילוק וואו, ווען און וויאזוי, דער אייבערשטער שטייט אוןווארט אז דו זאלסט עפענען דיין הארץ. דערצייל אים וואס דו גייסט אריבער; דערצייל אים אז דו ביסט א מאמע פון קינדער און דו שפירסט ווי דו האסט א שווערע תפיסה-אורטייל. דערצייל אים אז דו ביסט שוין צוואנציג, דרייסיג, פערציג, זעכציג אדער מער יאר אלט, און דו האסט נאכנישט אנגעהויבן לעבן. דערצייל אים אז דו לעבסט "יענעם'ס לעבן." דערצייל אים ווי שווער עס איז דיר אז דו זארגסט זיך כסדר, און יעדע היס פונעם קינדווארפט דיר אריין אין א פאניק. דערצייל אים וויאזוי דו זארגסט זיך צי מען וועט אייך נישט אוועקנעמען די דירה. דערצייל אים ווי יעדעס מאל דער טעלעפאן קלינגט, ווערסטו אריינגעווארפן אין א פחד אז אפשר גייט מען דיר אנשרייען, פארהאלטן, מוסר'ן, אדער ברענגען א שלעכטע בשורה.

דערצייל אים ווי שטארק דו ווילסט זיין א וואוילע מאמע און א גוטע ווייב, האבן גוטע מידות, קוקן שיין און רעדן שיין. דערצייל אים פון דיינע צענדליגע קבלות יעדן טאג; דערצייל אים וויפיל מאל דו הייבסט אן "פון יעצט" און ווי פארשעמט דו שפירסט אז עס האלט אן בסך הכל צען מינוט.

יעדעס מאל ווען די קינדער שלאפן זאג איך נאכאמאל: "אייבערשטער, איך הייב אן פון יעצט." אבער ווען זיי וועקן זיך אויף, פליט די קבלה אוועק אינאיינעם מיט זייערע חלומות...

דערצייל אים ווי שווער עס איז דיר. דער אייבערשטער לאכט נישט ח"ו, דער אייבערשטער פארשטייט. ער האט אונז באשאפן און ער ווייסט אלע אונזערע חסרונות; נאר ער קען אונז העלפן און אויסלייזן, און נאר ער קען אונז מחזק זיין און אויסהיילן.

דער הייליגער רבי האט אן עצה פאר אונז. דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט: "צווישן מיר און משיח וועט נישט זיין קיין חילוק," נאר אז ביי משיח וועט שוין נישט זיין קיין בחירה, דעמאלטס וועלן שוין אלע מודה זיין, איינזען און פארשטיין אז עס איז נישטא קיין אנדערע עצה נאר צו גיין צום אייבערשטן.

דעמאלטס וועט קיינער נישט קלערן אז דער טעראפיסט, דאקטער, ענערדזשי, OT אדער PT זענען די ישועה. דעמאלטס וועט די וועלט פיל ווערן מיט'ן כבוד פונעם אייבערשטן; יעדער וועט נאר גיין צום אייבערשטן און נאר אים בעטן אלעס. אז מען מוטשעט זיך מיט א קינד, אז מען דארף שלום בית, אז עס גייט שווער מיט פרנסה אדער מען דארף א רפואה, וועט דער מח נישט לויפן: "צו וועמען קען איך גיין? ווער וועט מיר העלפן און פארשטיין?" נאר אלע וועלן לויפן צום אייבערשטן און אים בעטן.

דאס איז גאולה, דאס איז אויסגעלייזט. אויף דעם וויינען מיר, אויף דעם קלאגן מיר... "על אלה אני בוכיה"... און אויף דעם קענען מיר טאקע וויינען.

טויזנטער אידישע פרויען און אידישע מענער זיצן נעבעך איינגעשפארט אין א ביטערע און פינסטערע תפיסה, אן אייגענע פארשלאסענע תפיסה. א תפיסה פון וועלכע נאר דעם רבי'נס עצות קענען ארויסשלעפן, ווייל דער רבי האט אונז שוין געזאגט:

**"מען שרייט און מען שרייט און מען שרייט, העלף מיר טאטע, נעם מיך ארויס פון מיין בלאטע"**, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קכט): "כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אז מען פאלט אריין אין א בלאטע וואס עס איז שווער ארויסצוגיין דערפון, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רבי נתן ברענגט אראפ דעם לשון אין אידיש אזוי ווי דער רבי האט דאס געזאגט): "אוּן אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דאס איז די עצה ווי אזוי מען קען ארויסקריכן פון עבירות, מען זאל שרייען צום אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת." (בריוו ד' פרשת משפטים, שובבי"ם, כ"ט שבט, שנת תשפ"ד)

אוי, ווי שווער און איינזאם זענען די נפשיות'דיגע תפיסות. אוי, ווי ביטער און ווייטאגליך איז דער נפשיות'דיגער גלות. פונדערויסן דאכט זיך אז עס לאכט זיך... קיינער קען נישט חלומ'ען אז אט שטייט פאר דיר אן ארעסטאנט. פונדערויסן גיט ער א בליק פון איינעם וואס "האט עס געמאכט"; אלעס קלאפט, אלעס גלאנצט – קינדער, א הויז, א פרנסה. ער זעט אויס אינגאנצן מסודר.

אבער אינעווייניג זיצט א מענטש וואס "עולם חשך בעדו", די וועלט איז אים פינסטער. ער האט נפשיות'דיגע שוועריגקייטן וואס ער קען קיינעם נישט דערציילן, און צומאל ווייסט דער מענטש אליין נישט וואס עס גייט פאר מיט אים. דער מענטש פאלט אריין אין א דעפרעסיע: "וואס גייט פאר מיט מיר? פארוואס בין איך אזוי... פארוואס קלער איך אלעמאל אז..."

די וועלט זאגט אז "פארערעכנט איז האלב באצאלט." דאס הייסט, אז מען ווייסט וואס די פראבלעם איז, איז עס שוין האלב געלייזט. וויאזוי ווייס איך טאקע וואס מיין פראבלעם איז? דורך דעם וואונדערליכן, ווירקזאמען און איינציגסטן מהלך: "התבודדות".

צום ערשט שפירט עס זיך ווייט, פרעמד, און אפשר אפילו פאלש. דאס זענען אונזערע עבירות וואס האבן געשאפן אן אפטיילונג און א מחיצה צווישן אונז און אונזער טאטן. אבער מיט אביסל עקשנות קען מען אראפווארפן די מויער פון שפין-וועבאכץ (ווי דער הייליגער רבי דערציילט) און דערקענען אז דאס אלעס איז בלויז א דמיון; מען קען עפענען דאס הארץ צום באשעפער, אים אלעס דערציילן, אים פרעגן און זיך וואונדערן: "טאטע, וואס איז די מעשה מיט מיר?"

נאך א פאר סעשינס באקומט מען קלארקייט, זיכערקייט און אפענקייט, און מען הייבט אן צו פילן א "הילינג". באמת, עס ארבעט וואונדערליך!

קום שוועסטער, פרוביר עס אויס, כאפ זיך צו דערצו; נאר דריי מינוט א טאג, אזוי ווי דער ראש ישיבה עצה'ט אונז, און דו וועסט זיך זען באפרייט. דיין לעבן וועט אנהייבן לייכטן און שיינען. דיין מאן און קינדער וועלן באקומען א מאמע און א ווייב וואס "לעבט"! עס איז קיינמאל נישט צו שפעט. דער רבי האט געשריגן מיט א הויך קול: "געוואלד, זייט אייך נישט מייאש, קיין יאוש איז גארנישט פאראהאן!" לאמיר הערן דעם רבי'נס קול און ארויסגיין משעבוד לגאולה.

# הער א מעשה

## מ. ש.
קרית ברסלב

די דענטיסט האט מיר געזאגט אז מיין מיידל דארף וויכטיג האבן ברעיסעס פאר די ציין. די דענטיסט האט אריינגעשיקט די עקסרעיס מיט איר אינפארמאציע צו די אינשורענס. א צייט שפעטער באקום איך א בריוו פון די אינשורענס אז ס'איז denied, זיי ווילן עס נישט באצאלן, אבער איך האב נאך א געלעגנהייט צו אריינגעבן נאכאמאל appeal.

איך האב צוזאמגענומען אלע אירע אינפארמאציע און געשריבן א שיינע אימעיל ווי וויכטיג ס'איז.

א שטיק צייט שפעטער באקום איך נאך א בריוו אז ס'איז נאכאמאל denied, זיי ווילן עס בשום אופן נישט באצאלן.

איך האב פרובירט פרעגן די דענטיסט וואס נאך איך קען טון? זאגט מיר דער דענטיסט אז ס'איז אפילו נישטא א מענטש וואס ליינט מיינע בריוון וואס איך שיק, נאר די קאמפיוטער ליינט עס דורך AI, און ס'ווערט אויטאמאטיש צוריקגעשיקט א בריוו פון denial. אז איך וועל שיקן אפאר מאל, וועט א מענטש עס דורכקוקן.

צוזאגנדיג א מעשה פון תפילה פאר די האטליין, האב איך פרובירט נאכאמאל, אבער צוריקבאקומען א נעגאטיווע ענטפער. איך האב דערציילט מיין מעשה פאר נאך חבר'טעס, האט מיר איינער געֿעצה'ט צו צוזאגן א מעשה פון תפילה פאר די בלעטל. זי האט שוין אפאר מאל געזען גרויסע ישועות.

איך האב גענומען איר ראט און גענומען די מוט נאכאמאל צו פרובירן, וויסנדיג אז אויב זאגן זיי מיר אפ איז געבליבן נאר אז איך קען אראפגיין מאכן א public hearing. דאס מיינט אז איך דארף שטיין דארט און מסביר זיין מיין פראבלעם, און א שופט דארף מיר פסק'ענען צו איך בין גערעכט, וואס דאס האב איך גאנץ ווייניג געדולד צו טון.

מיט מיין צוגעזאגטע מעשה פון תפילה פאר די בלעטל האב איך אריינגעשיקט די בריוו אויף אימעיל, און די נס האט פאסירט. איך באקום א בריוו פון די אינשורענס אז זיי האבן approved די ברעיסעס. שכח, שכח אייבערשטער.

## מ. בלוי
צפת

איין דאנערשטאג בין איך געשטאנען אין קאך און אנגעגרייט די עסן פאר שבת.

מיין בעיבי איז שוין געווארן מיד, האב איך איר געבאדן און איינגעשלעפט.

ארויסגייענדיג פון איר צימער, באמערק איך פלוצלינג אז מיין קידושין רינגל איז נישט אויף מיין האנט.

איך טראג עס דאך יעדן טאג און עס האט ביי מיר, פארשטייט זיך, אן עקסטערע חשיבות.

איך האב אנגעהויבן שטארק בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס טרעפן.

איך האב אנגעהויבן ארומזוכן אין די גאנצע הויז: אין סינק, אין די וואנע, אבער גארנישט; דאס רינגל איז נישטא צו געפינען.

איך האב אריינגעלייגט א פרוטה לצדקה פאר רבי מאיר בעל הנס און נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, אבער דאס רינגל איז נאך אלץ נישט געטראפן געווארן.

איך האב נישט אויפגעגעבן און ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן.

פרייטאג און שבת איז עס נאך אלץ נישט געטראפן געווארן, און איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן יעדעס מאל וואס איך האב זיך דערמאנט אין מיין רינגל.

זונטאג נאכמיטאג האב איך אויפגעשניטן די איבערגעבליבענע קוגל פון שבת און זיך אוועקגעזעצט עסן.

איך שטעק אריין מיין גאפל אין די קוגל און איך פיל עפעס הארט - יא, מיין קידושין רינגל איז דארט געלעגן!

מן הסתם בשעת'ן אנגרייטן די קוגל האט עס דארט אריינגעגליטשט.

שכח אייבערשטער

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע מעשיות פון תפילה.

מ. פעדער

# קוק צו מיר




"אייבערשטער, זושא איז הונגעריג," הערט זיך ארויס א שטימע פונעם אינעווייניגסטן צימער, "אייבערשטער, שיק זושא עפעס צו עסן."

אזוי פלעגט זיך דער הייליגער רבי ר' זושא פירן; ער האט קיינמאל גארנישט געבעטן פון קיין שום מענטש. וואס אימער ער האט געדארפט, האט ער זיך אלץ געווענדן צום אייבערשטן און נאר פון אים געבעטן.

ר' זושא זיצט אין זיין צימער, פארנומען מיטן דאווענען, לערנען און דינען דעם אייבערשטן, עס ווערט שוין נאכמיטאג און ער הייבט אן צו פילן הונגעריג. ר' זושא ווענדט זיינע אויגן צום באשעפער "באשעפער, זושא איז הונגעריג, שיק זושא עפעס צו עסן."

דער גבאי, וועלכער שטייט אינדרויסן און איז שוין צוגעוואוינט צו זיין רבי'ס הנהגה, גייט שנעל אין קאך, גרייט אן א טאץ מיט עסן און קומט אריין אין רבי'נס צימער. ער לייגט אראפ דעם טאץ אויפן טיש און גייט ארויס. פונדרויסן הערט ער ווי ר' זושא דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן פארן אים שיקן דאס עסן.

אזוי פלעגט זיך עס איבערחזר'ן יעדן טאג: ר' זושא בעט דעם אייבערשטן, דער גבאי ברענגט אריין דאס עסן, און ר' זושא דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן פארן אים שפייזן טאג-טעגליך.

איין טאג איז דער גבאי שוין געווארן נערוועז פון די גאנצע זאך. ער קומט אריין צום רבי'ן און פרעגט אים: "היתכן? איך בין דאך דער וואס ברענגט אריין דאס עסן! דער רבי וואלט דאך געדארפט מיר דאנקען, און לכתחילה בעטן פון מיר אז איך זאל ברענגען עסן פארן רבי'ן."

דער רבי קוקט אים אן מיט זיינע הייליגע אויגן און שמייכלט צו אים: "איך וועל דיר ערקלערן."

"אויב איך דארף עפעס, בעט איך עס

פונעם אייבערשטן, ווייל נאר ער איז דער וואס קען געבן; דו ביסט בלויז א שליח פונעם אייבערשטן מיך צו העלפן. ווען נישט דיר, וואלט מיר דער באשעפער געשיקט עסן דורך א צווייטן שליח."

דער גבאי, וועמענס אמונה איז נישט געווען אזוי שטארק, האט ביי זיך אפגעמאכט אז מארגן, ווען זיין רבי וועט בעטן דעם אייבערשטן פאר עסן, וועט ער אים עס נישט אריינברענגען. "לאמיר זען וואס עס גייט דעמאלטס געשען, צי דער באשעפער וועט אים טאקע באזארגן מיט עסן."

און טאקע, צומארגנס ווערט ר' זושא הונגעריג. דער גבאי שטייט אינדרויסן פון צימער און הערט אויס ווי ר' זושא בעט דעם אייבערשטן פאר עסן.

א קעניג האט זייער ליב געהאט זיין טאכטער. נאך די חתונה האט ער איר געגעבן א ריזיגן סכום געלד, עס זאל איר זיין גענוג אויף צו לעבן א גאנץ יאר.

ער פארמאכט זיינע אויערן און מאכט אפ ביי זיך אז היינט מאכט ער זיך נישט וויסנדיג, ביז ר' זושא וועט אים אליין בעטן ער זאל אים ברענגען עסן.

אזוי גייט אריבער א שטיק צייט; ר' זושא בעט דעם אייבערשטן פאר עסן, און דער גבאי מאכט זיך נישט צוטאן. פלוצלינג הערט זיך א קלאפן אויפן טיר פונעם הויז.

דער גבאי עפנט אויף און זעט פאר זיך א איד האלטנדיג אין זיין האנט א ריזיגע טאץ אנגעפילט מיט פירות און פילע גוטע מאכלים.

"איך מוז אריינגיין צום רבי'ן!" בעט ער זיך.

דער גבאי באטראכט אים אינגאנצן פארוואונדערט און פאדערט אן ערקלערונג, און דער איד דערציילט אים עס גערן.

"איך וואוין נישט דא, איך בין אהערגעקומען זיך אויפצוהאלטן אויף עטליכע טעג.

היינט אינדערפרי בין איך ארויס אין שוהל דאווענען, און אזוי ווי די גאסן זענען פול מיט בלאטע, האבן די איינוואוינער אויסגעשפרייט לאנגע העלצער אויף דער גאס, כדי מענטשן זאלן קענען אריבערגיין אויף א טרוקענעם אופן און נישט דארפן ווערן אנגעשמירט מיט בלאטע.

איך בין געגאנגען אויף די העלצער, ווען פאר מיר זעה איך אן עלטערן איד. אזוי ווי עס איז נישט דא קיין פלאץ אדורכצוגיין אויף די שמאלע העלצער פאר מער ווי איין מענטש אויפאמאל, האב איך נישט כאפנדיג אוועקגעשטופט יענעם און איך בין ווייטער געגאנגען אין שוהל, בשעת יענער איד איז נעבעך געווארן אינגאנצן פארשמירט פון די בלאטע.

ווען איך בין אנגעקומען אין שוהל, האב איך דערציילט פאר איינעם פון די אידן וואס עס האט פאסירט און וויאזוי דער עלטערער איד האט אויסגעזעהן. צו מיין שרעק דערציילט ער מיר אז דאס איז דאך געווען דער הייליגער רבי ר' זושא.

איך בין געווארן אזוי דערשראקן פון דעם וואס איך האב געטוהן, און יעצט קום איך איבערבעטן דעם רבי'ן; איך האב מיט מיר מיטגעברענגט פירות און גוטע עסן אלס א מתנה פארן רבי'ן."

דער איד ענדיגט דערציילן און גייט אריין צום רבי'ן. ר' זושא איז אים גערן מוחל און ער גייט ארויס פרייליך און צופרידן.

דער גבאי הערט ווי זיין רבי דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן פארן אים אזוי שיין באזארגן.

ער קען זיך שוין מער נישט באהערשן, ער גייט אריין צום רבי'ן און פאלט אים צו די פיס ער זאל אים פארגעבן.



"יעצט זעה איך שוין איין אז דער רבי איז גערעכט," האט ער מודה געווען. "נישט איך בין דער וואס באזארגט דעם רבי'ן; דער אייבערשטער זעט ווי שטארק דער רבי פארלאזט זיך אויף אים און גלייבט אין אים, און ער שיקט זיינע גוטע שליחים."

***

דער ראש ישיבה רעדט אסאך וועגן דעם ענין פונעם מן. פארוואס האבן די אידן געדארפט אז יעדן טאג פונדאסניי זאל אראפקומען מן פון הימל? דער אייבערשטער וואלט זיי דאך געקענט אראפברענגען מן איין מאל, און דאס זאל זיין גענוג פאר די גאנצע פערציג יאר.

דער ראש ישיבה ערקלערט עס מיט א משל פון א קעניג וואס האט זייער ליב געהאט זיין טאכטער. נאך די חתונה האט ער איר געגעבן א ריזיגן סכום געלד, עס זאל איר זיין גענוג אויף צו לעבן א גאנץ יאר.

דערזעענדיג אבער אז זי קומט צו אים נאר איין מאל א יאר, האט ער אפגעמאכט איר צו געבן יעדן טאג גענוג געלד נאר אויף צו לעבן פאר יענעם טאג.

צו זיין טאכטערס וואונדער האט ער איר ערקלערט: "איך האב דיך ליב און איך וויל דו זאלסט קומען צו מיר; דערפאר געב איך דיר גענוג נאר פאר היינט, כדי דו זאלסט דארפן קומען צו מיר יעדן טאג."

אזוי איז אויך ביים אייבערשטן; דער אייבערשטער האט אזא גרויסע נחת רוח ווען א איד ווענדט זיך צו אים און בעט פון אים אלע זיינע באדערפענישן. דערפאר האט ער געגעבן פאר די אידן דעם מן יעדן טאג בלויז אויפן היינטיגן טאג, כדי זיי זאלן זיך דארפן יעדן טאג פונדאסניי פארלאזן אויף אים, אויפהייבן די אויגן און אים בעטן.

עס קענען זיך אפט מאל מאכן מצבים וואס מען איז געדרוקט מיט פרנסה און מען דארף זיך מצמצם זיין.

יעדע זאך וואס מען וויל קויפן דארף מען מאכן חשבונות צי עס איז טאקע אזוי וויכטיג, וועלכע זאכן זענען מער דרינגענד פאר יעצט, צי מען קען זיך בכלל ערלויבן צו קויפן א געוויסע זאך, און וועלכע וויכטיגע זאכן מען וועט מוזן אפשטופן אויף קומענדיגע וואך.

עס זענען דא אזויפיל וויכטיגע זאכן איינצוקויפן פארן שטוב, פאר די קינדער, אדער פאר זיך אליין, אבער יעצט ערמעגליכט עס זיך פשוט נישט.

עס קען צומאל אויסקומען אז א מענטש זאל טראכטן צו זיך: "פארוואס דארף איך זיך אזוי מוטשענען? פארוואס קען איך נישט לעבן מיט א ברייטקייט? איך זאל נישט דארפן יעדע וואך (אדער יעדע חודש - פאר די ארץ ישראל'דיגע) אויסרעכענען וואס איך קען זיך יא ערלויבן און וואס עס וועט מוזן ווארטן אויף קומענדיגע וואך אדער חודש; איך וויל אז פאר יעדע וויכטיגע זאך וואס איך דארף קויפן, זאל איך נישט דארפן ווארטן ביז איך שאף דאס געלט".

נאר וואס דען - דאס אלעס איז נאר ווייל דער אייבערשטער האט דיך ליב; ער וויל דו זאלסט אויפהייבן דיינע אויגן און זיך ווענדן צו אים.

ער וויל דו זאלסט דיך נאכאמאל חזר'ן אז געלד קומט פונעם אייבערשטן, און נאר ער איז דער וואס קען דיר שיקן פרנסה. געלד קומט נישט פון דיין אדער דיין מאנ'ס דזשאב, און נישט פון גארנישט אדער קיינעם אנדערש; געלד קומט נאר פונעם אייבערשטן, און אלע מענטשן ארום זענען בלויז די גוטע שליחים פונעם אייבערשטן.

ער ווארט דו זאלסט זיך נאכאמאל פארלאזן אויף אים, און אים בעטן אלעס וואס דו דארפסט. און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, ווען עס וועט דיר ווערן ברייטער, זאלסטו נישט פארגעסן פון וועמען דאס קומט, און שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטן פאר'ן זיך זארגן פאר אונז און אונז שפייזן.



ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## Chill and Enjoy

אה, ב"ה נאך א שיעור א נייעם,
מיט א משל פונעם הייליגן חפץ חיים.
א איד כאפט א היטש אויפן וואגן,
א פעקל אויפן אקסל טוט ער טראגן.

"רבי איד, טוט אים דער בעל הבית זאגן,
פארוואס טוסטו זיך אזוי שטארק פלאגן?
איך קען עס נישט צוקוקן טייערע ברודער,
לייגט אייער baggage דא אנידער."

"וואס?" עפנט ער אויף ריזיגע אויגן,
און בלייבט מיטן הויקער איינגעבויגן.
"גענוג דו טראגסט מיר אזא טובה,
דארפסטו מיין פעקל אויך זיין סובל?"

דער בעל הבית, א שמייכל פארשטעקט,
ווייזט אויס ער האט א מענטל defect,
די פערד טראגן אלעס אויף א רייד,
זיץ, לאז דיר אן באקוועמערהייט.

מיר קוקן צומאל אויך אויס אזוי,
ווען מיר פארגעסן אין עוד מלבדו,
וואס וועט זיין? מיר פרעגן פראגעס,
די מח שיעור פלאצט פון אזויפיל דאגות.

*ס'איז נישט even די בלום, די ribbon, (אוי!)*
*פונעם dessert איז גארנישט געבליבן. (ווייו!)*

*לויפט ארום האלב אויסגעברענט,*
*enjoy דיין שמחה, דיין שיינע event.*
*מיט דיינע געסט רואיג פרייליך שמועס,*
*קוק נישט; ס'איז גראד די centerpiece.*
*מאך א גוטע attitude,*
*דו זיץ גראד אנשטאט,*
*לאז יעדן אליינס נעמען hot food.*
*זארג נישט פאר א האלבע שטאט,*
*זיין stressed איז ממש א שאד.*
*צום באשעפער זיי פול מיט gratitude.*

"וכל החלאים הבאים על האדם, כולם באים רק מקלקול השמחה... והשמחה היא רפואה גדולה."
(ליקוטי מוהר"ן כ"ד.)

וואס דער הייליגער רבי זאגט געדענק,
פון עצבות קומען אלע קרענק.
מיט שמחה יעדן אויסהייל איך,
אמונה וועט דיר מאכן פרייליך.

פרייליכקייט איז דער effect,
פון זיין מיטן אייבערשטן צוגעconnect.
אבער וויאזוי דערגרייכט מען,
פונעם אייבערשטן אלעמאל טראכט מען?

תפילה והתבודדות, דאס איז דער טריק,
צו אמונה עס איז א בריק.
"באשעפער העלף מיינע וועגן באגליק,
געב מיר אמונה, שמחה און סיפוק."

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

# קינדער היים

דעם רבינ'ס חדר:

## א שיחה פון מוהרא"ש




ברסלב'ע חידות:

**יארצייט דעם זונטאג**

ספר המדות:

**עסן פון צדיקים**

# משפחת גליק

## אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

צוּרִי דֶערְצֵיילְט: אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין הוֹיז, נָאךְ אַ גֶעשְׁמַאקֶע טָאג אִין דֶעי קֶעמְפּ, אִיז מִיר אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע גֶערוּךְ פוּן נַאכְטְמָאל. שְׂכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מַיין מַאמֶע קָאכְט זֵייעֶר גוּטֶע עֶסְן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְגֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט אַסַאךְ פוּן דִי עֶסְן. דִי אֱמֶת אִיז, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט עֶס צוּ קָאסְטְן. אָבֶער אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט עֶקְלֶען אָדֶער מוֹרָא הָאבְּן צוּ עֶסְן.

שְׂכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הַיינְט עֶס אִיךְ כִּמְעַט אַלֶעס וָואס מַיין מַאמֶע קָאכְט, אוּן אִיךְ קֶען עֶנְק זָאגְן, עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי עֶסְן אִיז טַאקֶע גוּט.

וִויבַּאלְד עֶס אִיז גָאר הֵייס אִינְדְרוֹיסְן הַיינְט, הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּילְט אִינֶעוֵוינִיג.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעצְט מָאלְן אִין דִי שַׁבָּת שְׁטוּבּ.

דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַרַיין אִין שְׁפִּיל צִימֶער, אוּן אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ שְׁפִּילְן מִיט לֶעגָאס.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעזֶעצְט בּוֹיעֶן אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ. צוּם עֶרְשְׁט הָאבְּן זֵיי גֶעבּוֹיט דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטָאק. דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ מִיט אַ קֶענִיגְלִיכֶע שְׁטוּל, וִוי אוֹיךְ אַ קְלֶענֶערֶע שְׁטוּבּ פַאר דִי הוֹיפְּט מִינִיסְטֶער. דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאק מִיט שְׁלָאף שְׁטוּבֶּער.



אִיךְ מוּז זָאגְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּערְרַאשְׁט צוּ זֶען וִוי הֶערְלִיךְ זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹיט.

אִיךְ בִּין אַפָּאר מָאל עֶס גֶעגַאנְגֶען זֶען, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אִיךְ הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זֵיי גֶעזָאגְט וִוי שֵׁיין דִי פַּאלַאץ אִיז.

בִּשְׁעַתְ'ן בּוֹיעֶן דִי פַּאלַאץ הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעגְרֵייט מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ קֶענִיג מִיט סָאלְדַאטְן. אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט אַן עֵצָה גֶעבֶּער אוּן אֲפִילוּ שְׁטֶערְן זֶעעֶרְס. דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין דִי שְׁפִּיל, אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז אוּנְזֶער קְלֵיינֶע נָתִי אִיז אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִין דִי שְׁפִּיל צִימֶער. פְּלוּצְלִינְג הָאט נָתִי גֶענוּמֶען אַ לֶעגָא אוּן עֶס



**ח. צ. גליק**

גֶעוָוארְפְן. עֶס הָאט גֶעלַאנְדֶעט אוֹיף דִי מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאץ און צֶעבְּרָאכְן דְרַיי שְׁטוּבֶּער.

הֶענְדִי אִיז גֶעלָאפְן צוּ מַיין מַאמֶע און זַייעֶר בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוַויינְט. "מַאמִי, מִיר הָאבְּן כִּמְעַט גֶעעֶנְדִיגְט בּוֹיעֶן דִי פַּאלַאץ, און נָתִי הָאט עֶס צֶעבְּרָאכְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שַׁיין!"

מַיין מַאמֶע הָאט אִיר פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן בִּשְׁעַתְ'ן אַרוֹיסְנֶעמֶען נָתִי פון דִי שְׁפִּיל צִימֶער און אִים פַארְשְׁפִּילְן אִין דִי קָאךְ. "אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ פְּרוּבִּירְן עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן?" הָאט מַיין מַאמֶע אִיר גֶע'עֵצָה'ט.

"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף עֶס, און יֶעצְט וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִויאַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען." אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז זִי שְׁטֶערְט מַיין מַאמֶע פון אִיר אַרְבֶּעט, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "קוּם הֶענְדִי, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן עֶס פַארְרֶעכְטְן, און אֶפְשָׁר וֶועט עֶס אוֹיסְקוּמֶען אֲפִילוּ שֶׁענֶער פון פְרִיעֶר."

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! הֶענְדִי הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, און צוּזַאמֶען מִיט וֶועלְוְול הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם עֲבוֹדָה צוּ צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי פַּאלַאץ. בִּשְׁעַתְ'ן בּוֹיעֶן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט פון אוּנְזֶער טַאטֶע אִין הִימְל: דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בּוֹיט אַ פַּאלַאץ, עֶר בּוֹיט דִי דְרִיטֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט און לֵייגְט צוּ נָאךְ אַ צִיגְל צוּ דִי הֶערְלִיכֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ. וֶוען אִיךְ טוּ אַ מִצְוָה, בּוֹי אִיךְ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וִוי בִּיטֶערְלִיךְ הֶענְדִי הָאט גֶעוַויינְט אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק וֶוען נָתִי הָאט בְּטָעוּת גֶעשָׂאסְן אַ לֶעגָא. עֶס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן, וָואס פַּאסִירְט וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה? אוֹי גֶעוַואלְד! וִוי טְרוֹיעֶרִיג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פון יֶעדֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ אַ אִיד טוּט. עֶס נֶעמְט חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ אַ צִיגְל פון דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט גְרֵייט.

וִוי גוּט אִיז צוּ טוּן נָאר מִצְוֹת און הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ און בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.



# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער












**מִיר בּוֹיעֶן אוֹיף דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ וֶוען מִיר שְׁפִּילְן זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין צוּזַאמֶען.**


בס״ד
FRUIT BITE

# מיט תפלה






געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון "קול ברסלב" האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**אין די ניין טעג טאר מען נישט עסן קיין פלייש.**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ג | ר | פ | ב | ל | ע | א | פ |
| א | י | י | נ | ע | ר | ג | מ | ג |
| מ | י | א | ז | ש | ח | ע | י | ר |
| ע | נ | א | ר | ו | י | ס | ע | ב |
| ג | ל | י | ו | י | ע | ז | ד | ג |
| נ | ז | י | י | נ | נ | ל | ע | ל |
| ה | א | ב | ב | ו | ז | ע | ר | ו |
| כ | ל | ע | א | ט | ד | י | ע | ת |
| ג | ל | ר | ר | א | ע | פ | ו | פ |
| ט | ה | ש | י | ג | ר | י | ו | א |
| ס | פ | ט | מ | י | ט | נ | ד | י |
| ב | ר | נ | כ | ר | ב | ד | ק | י |
| ת | י | ט | פ | ג | ל | ו | ת | ב |
| ו | ו | ב | ו | ק | נ | ש | נ | ע |
| י | ו | ז | נ | ת | ח | צ | ע | ר |
| ל | א | ת | פ | פ | נ | ה | ז | ש |
| ל | ט | ר | נ | א | ג | ס | א | ט |
| כ | ע | ס | ג | ע | ו | א | ל | ע |
| ב | ג | פ | ה | ע | ל | פ | נ | ר |

דער אייבערשטער זאל אונז אלע העלפן מיר זאלן שוין ארויס גיין פון אונזער גלות בכלליות, ובפרטיות - יעדער איינער פון זיין פריוואטע גלות און מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן א גאנצן טאג.

*(עצתו אמונה פנחס תשע״ט)*

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: "וואס דארף א איד טון אויף די וועלט? נאר דאווענען און לערנען און דאווענען!"

## ברסלב'ע חידות

**ווערמענס יארצייט געפאלט דעם קומענדיגן זונטאג?**

א. אהרן הכהן
ב. אור החיים הקדוש
ג. אר"י הקדוש
ד. ר' חיים וויטאל

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: יעדע דור וואס דער בית המדרש ווערט נישט אויפגעבויט, איז כאילו עס איז חרוב געווארן אין יענעם דור

## געב א שמייכל

**פארוואס פארט דער אינגערמאן אריין אין שטאט גלייך נאך הבדלה, און בלייבט נישט זונטאג מיט די משפחה אין קאנטרי?**

ווייל ער האט אריינגעלייגט אזויפיל געלט אין זיין זומער היים, ער וויל ארויסקועשן די מערסטע...

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א, גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֲכִילָה**

**ז. אֲכִילַת הַצַּדִּיקִים גְּדוֹלָה יוֹתֵר מֵהַקָּרְבָּנוֹת וּמִזּוּוּגָן.**

דָאס עֶסְן פוּן צַדִּיקִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן דִי קָרְבָּנוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען מַקְרִיב, אוּן עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.



# לערן און שפיל


נתי פרידריך


קיילי ווייס


מרדכי בנציון לעווי


משפחת אינדיג


סילקי ראטענבערג


שלום פארקאש


חי' רייזי גלויבער-לינדען


יצחק הורוויץ פון תלמוד תורה עצתו אמונה לאנדאן


ערשטע קלאס פון שטעטל - שילוח הקן


פיגעלע פרידריך


קיילי ווייס

# נשי חיל

עס איז
אונז א
כבוד
אייך צו
לאדענען
צו
אונזער
יערליכע
אווענט
פיט

וואס
וועט
אי"ה
פארקומען

**דעם מאנטאג 8:00 אווענט**
**אין 39 טשעסטנאט סטריט**

ווי א רייכע מאלצייט וועט
סערווירט ווערן, הערליכע
מתנות פאר די פאריעריגע
רעיזערס וועלן פארטיילט
ווערן, און א העכסט
אינטערעסאנטע פראגראם
וועט אייך איבערנעמען.

מיט הארץ

נשי חיל קאמפיין תשפ"ו